# פרשת מטות-מסעי כ"ב – כ"ח תמוז תשע"ז לפ"ק

***שבת קודש פרשת מטות - מסעי***

ביום השבת התקיימה אצל **רבינו שליט"א** שמחת הקידושא רבא לרגל הולדת הנכדה, בת לחתנו **הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א**. בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לנכדתו, ויקרא שמה בישראל 'רבקה', על שם הרבנית הצדיקת מוואדקערט ע"ה (חמותו של כ"ק מרן רבינו שליט"א). בשמחת הקידושא רבא נשמעו דברי תורה מאת אבי הבת **הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א**.

לפני תפלת מנחה השתתף **רבינו שליט"א** אצל דרשת פרקי אבות מאת מחותנו **הרה"ג רבי שמואל חיים הלברשטאם שליט"א** אב"ד קרשאנוב.

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק רבי בנציון מבאבוב זצ"ל** (לרגל יומא דהילולא ביום ד' אב), ומאת **הרה"ק רבי מנחם מענדל מסטראפקוב זצ"ל** (מתוך הספר שיח זקנים חלק שמיני). בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א**.

***וזה תוכן הסיפורים** (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):*

דער **באבובער רב, רבי בנציון**, איז געווען פון די ערשטע רבי'ס וואס האבן זיך אסאך אפגעגעבן מיט בחורים. בדרך כלל ביי די רבי'ס איז געווען די עיקר די יונגעלייט, אדער עלטערע יודען. בחורים האט מען געשיקט אין בית המדרש, אז מען זאל זיצן און לערנען. אבער דער **באבובער רב** האט שוין געזען די ירידת הדורות, אז מען דארף אנהייבן פון די יוגנט, האט ער אנגעהויבן צו מאכן ישיבות אין מערערע שטעטלעך אין פולין, וואס עס איז נישט געווען איינגעפירט דעמאלטס אין זייערע מקומות. און ער פלעגט אסאך אויפצונעמען בחורים, און רעדן מיט זיי. און בדרך כלל פלעגט ער צו רעדן מיט זיי מיטאג, ווען ער האט זיך אנגעלאנט, און אזוי האט ער גערעדט.

סיפר הרה"ח רבי אשר ישעי' שארף נ"ו, בילדותי למדתי בשולע בביאלא-ביליץ, **והרה"ק רבי בנציון מבאבוב זצ"ל** ידע מזה, אבל לא אמר לי כלום מזה. אמנם כשנכנסתי לחדרו כשהלך לנוח בשינת צהרים, היה מדבר עמי הרבה מוסר. דיבר עמי דברי מוסר בכלליות, אבל ברמיזה דיבר עמי אודות השולע. פעם כשדיבר אלי זלגו דמעות הרבה מעיני. אמר לי **הרה"ק מבאבוב**, 'אויף די טרערן האב איך אזוי לאנג געווארט'.

**וביאר רבינו:** אז מען פארציילט א מעשה, דארף מען האבן א ביאור צו די מעשה, אז נישט, איז עס נאר א מעשה, און עס האט נישט קיין תועלת. פארוואס האט ער אים טאקע נישט מוסר געזאגט די גאנצע צייט, אויף דעם וואס ער איז געגאנגען אין די שולע? ער האט דאך אים געוואלט מוסר זאגן דערויף. פארוואס האט ער גערעדט מיט אים א כלליות'דיגע מוסר, און ער האט אים נאר מרמז געווען דערויף.

**אמאל** איז דא א מענטש, וואס ער ווייסט אז ער טוט א זאך נישט ריכטיג. און אז מען וועט אים זאגן, טו עס נישט, וועט ער זיך אפשר צוריקהאלטן אז ער זאל עס נישט טון, אבער מען האט אים מיט דעם נישט צוגענומען פון די זאך, אז א אנדערע מאל זאל ער עס אויך נישט טון. אבער אז מען רעדט מוסר בכלליות, איז עס מעורר דעם מענטש, און ווען דער מענטש ווערט נתעורר, און נאכדעם פארשטייט ער פון זיך אליין אז וואס ער טוט איז נישט גוט, דאס איז א זאך וואס מאכט א רושם אויפן מענטש אויך אויף שפעטער. דאס וואס מען זאגט אים, טו נישט, אדער טו אזוי צו אזוי, ער מוז טאקע פאלגען אויף די מינוט, אבער דאס מיינט נישט אז עס האט געמאכט א רושם. - דער **באבובער רב** האט פארשטאנען, אז אויב ער וועט אים זאגן מוסר אויף דעם וואס ער גייט אין די שולע, וועט עס אפשר העלפן אז ער זאל נישט גיין, אבער עס וועט אים נישט טוישן, ער וועט זיך אלץ בענקען צוריק צו גיין. אבער אז מען זאגט מוסר בכלליות, און ער ווערט נתעורר נאכדעם ביז ער באקומט טרערן, האט ער געזאגט, אויף די טרערן האב איך געווארט. ווייל אז דו ביסט נתעורר געווארן, וועסטו שוין אליין וויסן וואס מען דארף מסדר זיין.

*

סיפר הנ"ל, בהיותי בן שמונה שנים, עמדתי פעם מאחורי כסאו של **הרה"ק מבאבוב**, והכבשתי לראשי דאשיק, והרגיש **הרה"ק מבאבוב** שהחסידים מדברים אודותי, שאיזה ילד 'דייטש' עומד מאחורי כסא הרב, פנה **הרה"ק מבאבוב** אלי ואמר להחסידים: 'עס איז בעסער צו גיין קודם מיט א טשופקע און נאכדעם מיט א ספאדיק, ווי איידער צו גיין קודם מיט א ספאדיק און נאכדעם מיט א טשופקע'.

**והעיר רבינו:** עס איז זייער א טיף ווארט. ער האט געזאגט, ער גייט טאקע יעצט מיט א טשופקע, אבער אז ער וועט זיך דא דרייען, וועט ער צום סוף גיין מיט א ספאדיק. מען דארף מתפלל זיין, אז די וואס גייען מיט א ספאדיק, אז ווען זיי גייען ארויס פון דא, זאלן זיי דעמאלטס נישט גיין מיט א טשופקע.

**מען נעמט אסאך מאל אריין א קינד אין חדר אדער אין ישיבה, און מען קוקט מיט צען אויגן ווי אזוי ער גייט אנגעטון, אמאל איז ער מיט א קליינע פאה, אדער מיט א טשופקע. אבער אז מען זיצט און מען לערנט, קומט מען טאקע מיט א טשופקע, אבער מען גייט ארויס שפעטער מיט א ספאדיק.** אמאל קומט מען פון א גוטע שטוב, מען גייט מיטן ספאדיק, און מען דארף מתפלל זיין, אז פונעם ספאדיק זאל נישט שפעטער ווערן קיין טשופקע.

*

סיפר הרה"ח רבי נחמיה שיינגוט נ"ו, היינו פעם כל הכתה אצל **הרה"ק מבאבוב זצ"ל**, כשעברנו לפניו בירך אותנו בפסוק (תהלים יב-ח) אתה ה' תשמרם תצרנו מן הדור זו לעולם. ופירש הכוונה, כשנברא יצר הרע, והיה נקרא בשם 'יצר הרע', היו אומרים לו שילך מכאן [טראג דיך אפ פון דאנעט]. החליף שמו לבעל דבר. אמרו לו, לאו 'בעל דברים' דידי את. החליף שמו להיינטיגע צייטן, היינט קען מען נישט, ובזה מצליח. וזהו שאנו מבקשים מהשי"ת, אתה ה' תשמרם, תצרנו מן 'הדור זו', שמור אותם מן הבעל דבר שנקרא 'הדור הזו', היינטיגע צייטן, לעולם.

**והוסיף רבינו:** דער **חתם סופר** שרייבט אין די צוואה, יש לנו אב זקן, מיר האבן א אלטן טאטען, וואס וועט נישט נשתנה ווערן. עס איז די זעלבע תורה, וואס בלייבט שטענדיג. עס איז נישט דא קיין שינוי אין די זמנים. אין א יעדע צייט, איז די תורה נישט געטוישט געווארן פון ווען מען האט עס געגעבן.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה אין א מדבר. א מענטש וועט זאגן, אז נישט איבעראל קען מען דינען דעם אייבערשטען, נאר ווען אלעס איז מסודר, דעמאלטס קען מען דינען דעם באשעפער, אבער ווען עס איז נישט אלעס מסודר, קען מען נישט דינען דעם אייבערשטען. האט דער אייבערשטער געוויזען, א די תורה דארף מען מקבל זיין אפילו אין מדבר, ווי עס איז נישט דא גארנישט, פון דעסטוועגן דאך דארף מען מקבל זיין די תורה.

**דער** אייבערשטער האט געגעבן די תורה בשבעים לשון, אין אלע זיבעציג שפראכן. אפילו יודען וועלן זיין אין גלות, מען וועט זיין פארווארפן צווישן די שבעים אומות, פון דעסטוועגן דאך זאל מען נישט זאגן, אז מען האט געגעבן די תורה ווען יודען זענען פאר זיך, אבער צווישן פעלקער קען מען עס נישט מקיים זיין. האט דער אייבערשטער אונז געגעבן די תורה אויף אלע זיבעציג שפראכן, אז וואו א יוד קומט אן, אין וועלכע מדינה ער וועט אנקומען, פון דעסטוועגן דאך ווערט די תורה נישט נשתנה.

**דאס** איז דער יצר הרע וואס ווערט אנגערופן 'הדור הזו', דא אין דעם מקום, און אין דעם זמן, קען מען נישט דינען דעם אייבערשטען. מען דארף דינען דעם אייבערשטען איבעראל.

*

סיפר הרה"ח רבי מרדכי אורי דעמביצער נ"ו, שהיה בעיר לבוב בעת המלחמה בעת ששהה שם **הרה"ק מבאבוב זצ"ל**, ואביו לא ידע מה לעשות אתו שלא יגייסו אותו לצבא, אם יאמר שהוא קשיש מגילו האמיתי, או שהוא צעיר ממה שהיה באמת. ונכנס אל **הרה"ק מבאבוב** ושאל אותו אודותי, והשליך **הרה"ק מבאבוב** את גופו לאחוריו על כסאו, ונתחוורו פניו, ואמר, מען ווייזט מיר גארנישט, מען האט אונז אלעס אוועקגענומען. גיי ארויף צו מיין זון רבי שלמה'לע,

שמועס דיך אדורך מיט אים וואס צו טון, און וואס ער וועט דיך הייסן, זאלסטו טון.

**וביאר רבינו:** ער האט דען נישט געוואוסט וואס רבי שלמה'לע ווייסט, אז ער האט געדארפט שיקן צו רבי שלמה'לע אז ער זאל אים זאגן וואס ער זאל טון?! נאר אמאל קומט מען צו א רבי'ן און מען פרעגט א שאלה, און מען וויל אז דער רבי זאל ענטפערן רוח הקודש. אבער נישט אייביג האט מען רוח הקודש, עס איז דא א צייט פון א הסתר פנים וואס עס איז נישט דא קיין רוח הקודש. נאכדעם איז דא וואס מען פרעגט א זאך בעל בתי'ש, מען קוקט וואס עס איז מער אויסגעהאלטן צו טון.

**ווען** ער איז געקומען פרעגן אלץ א רבי, האט ער געפילט אז אלץ רבי קען ער נישט ענטפערן וואס מען זאל טון, ווייל מען האט אים צוגענומען די מדריגות, עס איז געווען א הסתר פנים פאר די קריג. אבער בעל בתי'ש קענסטו פרעגן מיין זון וואס צו טון, ער האט א גראדן שכל, און דו וועסט קענען טון וואס ער וועט דיר הייסן.

*

**איך** וועל ענדיגען מיט א מעשה פונעם **באבובער רב, רבי שלמה'לע זצ"ל.** איך בין אמאל געווען ביי אים מנחם אבל זיין צוזאמען מיט **מיין טאטע ז"ל,** ווען ער איז געזעסן שבעה אויף די פטירה פון א שוועסטער. און ער האט געפרעגט מיין טאטע ז"ל צו ער האט געקענט זיין פאטער, **רבי בנציון זצ"ל.** האט ער געזאגט, יא, ער האט אים געקענט. ער איז געווען ביי אים איינמאל אין שטוב, ווען ער האט געוואוינט אין די שטאט טשעבין.

**מיין** טאטע ז"ל האט אים פארציילט, אז ער האט געוואוינט אין סערדאהעלי, וואס איז אין טשעכיי, און אויף די הייליגע טעג איז געווען א קבוצה בחורים פון די ישיבה, וואס זענען געפארן קיין בעלזא, צו זיין דארט אויף די הייליגע טעג. און מיין טאטע ז"ל איז אויך מיטגעפארן מיט די קבוצה. אונטערוועגנס האט ער זיך אפגעשטעלט אין די שטאט קאשוי, דארט האט מען געדארפט טוישן די באן צו פארן קיין פוילן. דער פריערדיגער **סטראפקובער רב, רבי אברהם שלום זצ"ל,** האט דעמאלטס געוואוינט אין קאשוי, זענען זיי אריינגעגאנגען מיט א קוויטל צום **סטראפקובער רב.** דער **סטראפקובער רב** איז געווען א געוואלדיגער איש אמת, עס איז געווען לבו כפיו, וואס ער האט אינזין געהאט, האט ער ארויסגעזאגט. נאכדעם וואס די בחורים זענען אדורך מיט א קוויטל, פרעגט זיי דער **סטראפקובער רב,** וואס טוט עטץ דא אין קאשוי. האבן זיי געזאגט, אז זיי פארן קיין בעלזא אויף די הייליגע טעג, און זיי זענען אדורכגעפארן קאשוי, זענען זיי אריינגעקומען. האט דער **סטראפקובער רב** געפרעגט, פארוואס דארפט עטץ פארן קיין בעלזא, וואס איז שלעכט אז עטץ בלייבסט דא ביי אונז אויף די הייליגע טעג. זיי האבן זיך אנגעקוקט איינעם דעם צווייטען, אמאל האט מען געדארפט האבן א פאספארט מיט שפעזן צו פארן אויף בעלזא, און דער **סטראפקובער רב** זאגט זיי, אז זיי זאלן בלייבן ביי אים. עס האט פאר קיינעם נישט געשמעקט צו בלייבן דארט, האבן זיי גארנישט געענטפערט, און זיי האבן זיך געזעגנט, און געפארן וויטער.

**פון** דארט זענען זיי געפארן קיין בעלזא, און דעמאלטס איז באבוב מיט בעלזא געווען געשפאנט, זיי זענען נישט געווען שוה בשוה. האט מיין טאטע ז"ל געזאגט, אז צו זאגן פאר די חברים אז ער וויל גיין צום **באבובער רב,** איז נישט געווען אויפן פלאץ, אז ווען מען פארט קיין בעלזא, זאל מען אריינגיין צום **באבובער רב.** מיין טאטע ז"ל האט אבער דאך געוואלט קענען דעם **באבובער רב,** האט ער געזאגט פאר די חברים, אז ער דארף זיין אין טשעבין עפעס ערלעדיגן, כדאי ער זאל קענען אריינגיין צום **באבובער רב.**

**ווען** ער איז אנגעקומען קיין טשעבין האט ער זיך אינטערעסירט וואו עס וואוינט דער **באבובער רב,** און ער איז אריבער געגאנגען צו אים, און ער האט זיך געזעגנט ביי אים. און דער **באבובער רב** האט אים געפרעגט, וואס טוט איר דא אין טשעבין? ער האט זיך שוין איינמאל אפגעבריהט ווען ער האט געזאגט אז ער פארט ערגעץ אנדערש, און ער וועט נאך בעטן אז מען זאל בלייבן אין באבוב, וועט ער ווייטער האבן א פראבלעם, האט ער

געזאגט, אז ער האט געהאט עפעס צו ערלעדיגן, איז ער דא געווען. אזוי האט ער פארציילט פארן **באבובער רב**.

**האט** אים דער **באבובער רב ז"ל** געזאגט, איר האט נישט געקענט מיין טאטע. איר האט נישט געדארפט מורא האבן אז ער וועט זאגן אז איר זאלט בלייבן ביי אים. ווען איר זאגט אים אז איר פארט קיין בעלזא, וואלט ער נאך צוגעגעבן געלט צו די שפעזן אז איר זאלט פארן קיין בעלזא...

**זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל**

# **<u>פרשת דברים כ"ט תמוז – ו' אב תשע"ז לפ"ק</u>**

***<u>יום ראשון פרשת דברים</u>***

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הסיום הש"ס של החברותא הר"ר **אברהם יהודא שווארץ** הי"ו, והר"ר **מרדכי אדלער** הי"ו, שהתקיים באולם שע"י ראלי האטעל, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**עס** איז ביי מיר א גרויסע שמחה, אנטייל צו נעמען ביי די סעודת הסיום פון די צוויי חשוב'ע יונגעלייט ביי אונז אין בית המדרש, רבי יהודא און רבי מרדכי זאלן זיין געזונט. דער אייבערשטער זאל געבן, אז זיי זאלן קענען ווייטער אויך מסיים זיין נאך אסאך מסכתות, מיט הרחבת הדעת.

**מען** האט פריער געהערט, ווי אזוי רבי יהודא האט ארויסגעברענגט זיינע געפילן, איך וויל אויך ארויסברענגען מיינע געפילן. מען דארף נישט זאגן וואס דאס מיינט אוועקצוגעבן זיבן יאר אויף צו ענדיגן ש"ס. לא מיבעיא ווען איינער איז געזעסן און געלערנט פאר דעם, ער ליגט אין לערנען, און ער איז צוגעוואוינט צו לערנען, און אוודאי ווען מען דארף אנהייבן פון דאסניי זיך אריינצוווארפען אין די ים פון תורה, אויפגעבן אלעס ארום און ארום כדי צו לערנען, איז א עקסטערע זכיה, און א געפיל וואס מען האט, בשעת מען איז מסיים די אלע מסכתות.

**די** תורה הק' זאגט (ויקרא יט-יז), הוכח תוכיח את עמיתך, זאג מוסר פאר דיין חבר, ולא תשא עליו חטא, און ברענג נישט ארויף א חטא. רש"י זאגט, אז ווען מען זאגט מוסר, דארף מען אכט געבן אז מען זאל נישט יענעם באליידיגען. - דער פסוק (תהלים יט-ב) זאגט, השמים מספרים כבוד א-ל, די הימל דערציילט דעם כבוד פונעם אייבערשטען, ומעשה ידיו מגיד הרקיע. די הימל פארציילט?! די הימל קען נישט רעדן, עס האט נישט קיין מויל אז עס זאל קענען רעדן. זאגט דער פסוק ווייטער, אין אומר ואין דברים, עס דארף גארנישט זאגן, עס דארף נישט רעדן, בלי נשמע קולם, מען הערט נישט זייער קול, און פון דעסטוועגן דאך איז דער שמים מספר כבוד א-ל.

**עס** איז דא אמאל וואס א מענטש דארף רעדן כדי מען זאל וויסן וואס ער וויל ארויסברענגען. אבער אמאל איז דא וואס מען דארף נישט רעדן, נאר ווען מען קוקט אן א געוויסע בילד, מען קוקט אן א געוויסע מצב, דאס אליין רעדט פאר זיך, אז מען דארף נישט זאגן קיין ווערטער עס ארויסצוברענגען. ווען מען קוקט אן די הימל וואס דער אייבערשטער האט באשאפן, די זון, און די לבנה, כי אראה שמיך וגו', ירח וכוכבים אשר כוננתה, מה אנוש כי תזכרנו (שם ח-ד). די הימל אן ווערטער, פארציילט שטענדיג דעם כבוד פונעם אייבערשטען.

**און** אזוי דארף זיין א ערליכער יוד. ואהבת את ה' אלקיך (דברים ו-ה), אהבהו על הבריות (יומא פו.), א יוד דארף זיך אזוי אויפפירן מיט זיינע מעשים, אז מען זאל זאגן, קוקטס ווי שיין עס איז צו זיין א בן תורה, קוקטס ווי אזוי עס קוקט אויס איינער וואס זיצט און לערנט תורה, קוקטס זיין ערליכקייט, זיין איידלקייט, זיין נשיאת חן, דאס ברענגט ארויס די כבוד פון תורה. - מוסר דארף מען נישט אייביג זאגן מיט ווערטער, מוסר קען מען זאגן דורך דעם וואס מען קוקט אים אן, און מען לערנט זיך אראפ פון אים ווי אזוי מען דארף זיך פירן, דאס איז אויך א מוסר ספר, דאס איז אויך א תוכחה.

**זאגט** די תורה הק', הוכח תוכיח את עמיתך, זיי מוכיח דיין חבר, אבער ולא תשא עליו חטא, דו קענסט אים אזוי מוכיח זיין, אז דו דארפסט נישט רעדן פונעם חטא. ווען דו ביסט יענעם מוכיח מיט ווערטער, מוז מען דאך דערמאנען אז דו האסט געטון אזוי און אזוי, און פארוואס האסטו עס געטון. אמאל איז דא וואס מען קען מוכיח זיין יענעם אן רייד, ווען מען קוקט אים נאר אן, איז עס מחייב. אזוי ווי די גמרא (יומא לה:) זאגט, יוסף מחייב את הרשעים, הלל מחייב את העניים, רבי אלעזר בן חרסום מחייב את העשירים, זיי האבן גארנישט גערעדט, אבער ווען מען קוקט דאס לעבן פון יוסף הצדיק איז עס מחייב.

**יהודא** איז אונז אלע מחייב, אז מען קען אוועקגעבן עולם הזה, זיך אריינוווארפען אין א ים

פון תורה, ליגן אין לערנען, דאס איז הוכח תוכיח את עמיתך, דו ביסט אונז אלע מוכיח, ולא תשא עליו חטא, מען דארף נישט רעדן פונעם נישט גוטן וועג, ווי אזוי מען קוקט אויס ווען מען לערנט נישט. מען קוקט ווי אזוי לערנען קען ארויפברענגען דעם מענטש, דאס איז די גרעסטע תוכחה וואס אונז אלע גייען מיר אדורך יעצט ווען מיר זיצן דא ביי די היינטיגע מסיבה.

*

**די** זיבן יאר וואס מען איז געזעסן און געלערנט, דאס איז די שבע שנות השבע, דאס איז די זיבן זאטע יארן, שבענו מטובך. א שביעה וואס א מענטש האט פון עולם הזה, איז נישט קיין שביעה, דאס איז משביעו רעב (עיין סוכה נב.), וויפיל מען האט, איז מען קיינמאל נישט צופרידן. אבער תורה הק' איז משביע דעם מענטש, יעדן טאג וואס מען לערנט נאך א בלאט און נאך א בלאט, מען איז מסיים איין מסכת און נאך א מסכת, דאס איז די אמת'דיגע שביעה וואס א מענטש ווערט זאט דערפון.

**מען** קוקט עס אן, אז עס איז שווער, מען דארף זיך אסאך פלאגן אז מען זאל זוכה זיין דערצו, **אבער מען דארף וויסען, אז מען פלאגט זיך נישט מער מיט זיבן יאר לערנען, וויפיל מען פלאגט זיך מיט זיבן יאר נישט לערנען**. ווען ער זאל לייגן אויף א וואגשאל די זיבן יאר וואס ער האט נישט מסיים געווען ש"ס, מיט די זיבן יאר וואס ער האט יא מסיים געווען ש"ס, איך מיין אז דער עמל וואס ער האט זיך געפלאגט צו לערנען, איז אסאך א קלענערער עמל, פון וואס א מענטש גייט אדורך ווען ער לערנט נישט. מען דארף זיך פלאגן אין עניני עולם הזה, און וואס א מענטש פלאגט זיך מיט דעם יצר הרע וואס ער האט מיט זיך, מיט די תאות הגוף וואס איז שולט אויפן מענטש, דאס איז אלעס א עמל, עס איז א פלאג. און א מענטש קען טוישן זיין פלאג, וואס עס איז אים ממילא באשערט אז ער זאל עס האבן, קען ער עס טוישן אויף תורה. אזוי זאגט די גמרא (סנהדרין צט:), כולהו גופי דרופתקי, יעדער מענטש דארף זיך פלאגן אויף די וועלט, איני יודע לאיזה עמל, הוי אומר, עס שטייט אין פסוק (יהושע א-ח) לא ימוש ספר התורה הזה מפיך, פאר עמל התורה. טוביה, גליקליך איז פאר דעם וואס איז זוכה, אז עס איז דרופתקי דאורייתא, אז זיין פלאג איז אין תורה. מען האט פארטוישט דעם פלאג, אנשטאט זיך פלאגן אויף עניני עולם הזה וואס מען האט דערפון גארנישט, קען א מענטש אויסנוצן זיין פלאג אויף תורה, וואס דאס וועט בלייבן א קנין אויף לעולם ועד.

*

**איך** האב געטראכט די פאריגע וואך אין די פרשה, די בני גד ובני ראובן זענען געקומען צו משה רבינו, אז זיי ווילן נישט ארויפגיין קיין ארץ ישראל, און מען זאל זיי געבן זייער נחלה אין עבר הירדן. און משה רבינו האט זיי מוסר געזאגט, האחיכם יבואו למלחמה ואתם תשבו פה (במדבר לב-ו), זיי וועלן גיין אין מלחמה, און עטץ וועטס זיצן דא?! און זיי האבן זיך פארענטפערט וואס זיי האבן געמיינט, און משה רבינו האט מסכים געווען צו וואס זיי האבן געזאגט.

**משה** רבינו האט געהערט דעם ערשטן מאל, אז זיי קומען מיט א טענה. יעדער גייט אריין קיין ארץ ישראל מיט א מלחמה, מען דארף איינעמען ארץ ישראל, און עס קומען זיך אן די צוויי שבטים, און זיי זאגן, פאר אונז איז זייער באקוועם צו זיין דא אין עבר הירדן, עס האט אסאך מקנה, מיר ווילן נישט אריינגיין צוזאמען מיט זיי קיין ארץ ישראל. אונז וויל מיר נישט מיטלעבן די אלע מלחמות, שבע שכבשו ושבע שחלקו, מיר האבן אלעס גרייט, אלעס איז פאר אונז פארטיג, אונז וויל מיר זיך נישט פלאגן אריינצוגיין קיין ארץ ישראל. אזוי האט משה רבינו אנגעקוקט די ערשטע תביעה וואס ער האט געהערט פון זיי.

**האט** זיי משה רבינו געזאגט, עס איז א מצוה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן אז מיר זאלן כובש זיין ארץ ישראל, דער עמל איז א עמל של מצוה. דו ווילסט אראפווארפן פון דיר א עמל של מצוה?! דו מיינסט אז עס וועט דיר גרינג גיין נאכדעם, ווען דו וועסט נישט האבן קיין עמל?! א

מענטש קען דען נעמען זיין עמל, און טון דערמיט וואס ער וויל? אויב דו וועסט נישט נעמען די עמל פון אריינגיין קיין ארץ ישראל, וועט דיר דער אייבערשטער צושיקן א אנדערן עמל דארט וואו דו ביסט. דו ביסט נישט פארזיכערט אז ווען דו בלייבסט דא, דעמאלטס וועט דיר גוט גיין. דו מיינסט אז אחיכם יבואו למלחמה, ענקערע ברודערס וועלן אריינגיין אין די מלחמה, ואתם תשבו פה, און עטץ וועטס זיצן דא, מען גיט ענק איבער ארץ סיחון ועוג. אויב עס איז באשערט א עמל, וועט מען עס צוברענגען צו דיר אין שטוב אריין. און אז עס איז נישט באשערט, קען מען גיין קיין ארץ ישראל מיט א מלחמה, און מען קען עס איינעמען, און האבן א רואיגקייט דארט אויך.

**די** יארן וואס א מענטש גיט אוועק פאר הבלי עולם הזה, איז מיט א עמל, מיט א פלאג. קיין שום זאך קומט נישט אן אויף די וועלט גרינג. די זעלבע צייט וואס מען גיט אוועק פאר עמל פון עולם הזה, קען א מענטש אפנעמען זיין עמל, דורך מקבל זיין אויף זיך עול תורה. כל המקבל עליו עול תורה, מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ (אבות ג-ה), מען נעמט אראפ די עול פון די רעגירונג, מען נעמט אראפ די עול פון פרנסה. דער אייבערשטער האט כמה דרכים ווי אזוי ער קען מזמין זיין פאר א מענטש וואס ער דארף. ער דארף נאר מקבל זיין אויף זיך דעם עול תורה.

*

**איך** פיל אבער ארויסצוברענגען נאך א נקודה, וואס איז נוגע צו אזא חברותא ווי מרדכי זאל זיין געזונט. יהודא האט אסאך צו פארדאנקן פאר מרדכי וואס האט אים מקרב געווען, ער האט אנגעהויבען צו לערנען מיט אים פון אנהייב. ווען מען זעצט זיך אראפ דאס ערשטע מאל לערנען, נאך א שטיק צייט וואס מען האט נישט געלערנט, איז גארנישט אזוי גרינג אנצוהייבן מסביר צו זיין א שטיקל גמרא מיט רש"י, און עס איבערחזר'ן אז מען זאל זיך עס קענען פארהערן סוף חודש. וויפיל צייט האט ער אוועקגעגעבן פאר אים, און ער גיט נאך אלץ אוועק, יעצט איז עס שוין אלץ חברותא, אבער אנגעהויבן האט זיך עס נישט אזוי.

**די** גמרא (עירובין נד:) זאגט, אז רבי פרידא האט געהאט א תלמיד, וואס האט נישט פארשטאנען קיין לערנען, און ער האט געמוזט מיט אים איבערלערנען פיר הונדערט מאל כדי ער זאל פארשטיין. און רבי פרידא האט זיך אפגעגעבן מיט אים, און ער האט געלערנט מיט דעם תלמיד פיר הונדערט מאל. איין טאג האט ער געלערנט מיט אים, און עס איז נישט געגאנגען. פרעגט ער דעם תלמיד, פארוואס גייט עס נישט. האט ער געזאגט, אז איך האב געהערט אז דער רבי דארף אוועקגיין צו א דבר מצוה, און יעדע מינוט האב איך געמיינט אז דער רבי גייט זיך שוין אויפשטעלן אוועקצוגיין צו די דבר מצוה, בין איך נישט געווען רואיג, און איך האב זיך נישט קאנצענטרירט אויפן לערנען. האט אים רבי פרידא געזאגט, איך גיי נישט אוועק צו דעם דבר מצוה, איך וועל יעצט זיין מיט דיר דא, און איך גיי איבערלערנען מיט דיר נאכאמאל די גמרא פיר הונדערט מאל. און אזוי האט ער געטון.

**אין** הימל איז געווארן א רעש פון דעם וואס רבי פרידא האט געטון. נישט גענוג אז ער לערנט מיט אים יעדעס מאל פיר הונדערט מאל, לערנט ער יעצט מיט אים אכט הונדערט מאל. און עס איז געקומען א בת קול פון הימל צו רבי פרידא, אז מען וויל דיר באצאלען דערפאר, און ער קען זיך אויסקלויבן איינע פון די צוויי זאכן. אדער אז מען וועט אים צוגעבן נאך פיר הונדערט יאר צו לעבן, אדער אז ער מיט זיין גאנצע דור וועלן זוכה זיין צו חיי עולם הבא. האט ער אויסגעקליבן עולם הבא. האט דער אייבערשטער געזאגט, מען זאל אים געבן ביידע.

**די** וועלט זאגט, אז עס איז געקומען א בת קול צו רבי פרידא ווייל ער האט געטון אזא דבר גדול, אז ער האט זיך אפגעגעבן מיט זיין תלמיד, און ער האט געלערנט מיט אים פיר הונדערט מאל. אבער וואס טוט זיך מיטן תלמיד, וואס האט געהאט כח צו לערנען אכט הונדערט מאל, פאר אים קומט זיך נישט קיין גן עדן? פאר אים קומט זיך נישט קיין אריכת ימים? נאר פארן רבי'ן וואס האט מיט אים געלערנט. זאגט די וועלט, אז מען האט א רבי וואס קען מסביר זיין די זעלבע זאך פיר הונדערט מאל, איז נישט קיין קונץ אז ער הערט אויס אכט

הונדערט מאל. מיט אזא גוטן רבי קען מען אנקומען ווייט.

**אז** מען קומט אן צו ענדיגן ש"ס, מיט אזא חברותא ווי מרדכי, וואס האט אים צוגעברענגט דערצו, איז שוין נישט קיין קונץ אז מען האט געענדיגט ש"ס [איך זאג עס נאר, כדי דו זאלסט זיך נישט האלטן אזוי גרויס]. ב"ה מען האט אוועקגעגעבן אזויפיל צייט דערפאר, אז מען קען זיך יעצט פרייען ביי די שמחה.

**איך** האב היינט געטראכט, ווען דער בת קול וואלט געזאגט פאר רבי פרידא, אדער באקומסטו אליין עולם הבא, אדער באקומסטו פיר הונדערט יאר לעבן, וואלט ער דאך געדארפט האבן די זעלבע נסיון וואס ער זאל אויסקלויבן, צו עולם הבא, צו פיר הונדערט יאר לעבן. דער אייבערשטער האט אים אבער נישט אזוי געזאגט, נאר אדער באקומסטו 'צוזאמען מיט דיין גאנצע דור' עולם הבא, אדער באקומסטו פיר הונדערט יאר לעבן. און אז מען זאגט אים צו עולם הבא אן דעם דור, וואלט ער אויך געהאט דעם נסיון.

**איך** מיין אז דער פשט דערפון איז, א דבר אמת. ווען מען זאל פרעגן רבי פרידא וואס ער דארף, עולם הבא, אדער פיר הונדערט יאר לעבן, וואלט רבי פרידא געזאגט, איך דארף נישט עולם הבא, איך וויל פיר הונדערט יאר לעבן. יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה, מכל חיי עולם הבא (אבות ד-יז), זיצען און לערנען אויף די וועלט, איז חשובער פון עולם הבא. און אז מען זאגט, אז דו קענסט זיצען און לערנען פיר הונדערט יאר, וואלט רבי פרידא געזאגט, אז מען זאל אים לאזן זיצען און לערנען פיר הונדערט יאר אויף די וועלט. עס וואלט אפילו נישט געווען א נסיון פאר רבי פרידא וואס ער זאל טון, ער וואלט זיכער אויסגעקליבן צו בלייבן אויף די וועלט, און נישט עולם הבא. דער אייבערשטער האט פארשטאנען אז די שאלה קען מען אים נישט פרעגן. ווען מען וועט אים אבער זאגן, אז אדער וועט ער לעבן פיר הונדערט יאר, ער וועט האבן אזויפיל קורת רוח פון די תשובה ומעשים טובים, אדער וועט זיין גאנצער דור זוכה זיין צו עולם הבא, דא וועט ער האבן א נסיון צו ער זאל קוקען אויף זיך, צו ער זאל קוקען אויפן דור. פאר אים איז בעסער צו בלייבען אויף די וועלט, ער דארף נישט עולם הבא. אבער מען זאגט דאך אים דא, אז זיין גאנצער דור קען צוקומען צו עולם הבא. דאס איז געווען א נסיון פאר אים, וואס ער זאל טון. וואס האט ער געטון? ער האט זיך מפקיר געווען פארן דור. ער האט געזאגט, פאר מיר וואלט טאקע בעסער געווען פיר הונדערט יאר בתשובה ומעשים טובים אויף די וועלט, אבער א גאנצן דור קען ער ברענגען לעולם הבא, א כפרה מיין פיר הונדערט יאר, און ער איז גרייט לעולם הבא. האט דער רבונו של עולם געזאגט, א יוד וואס קען זיך מפקיר זיין און אוועקגעבן זיין קורת רוח פון פיר הונדערט יאר, כדי מזכה צו זיין א צווייטן, פאר דעם אליין קומט זיך אז ער זאל האבן ביידע. דו וועסט באקומען פיר הונדערט יאר אויף די וועלט, און דיין גאנצע דור וועט זוכה זיין לחיי עולם הבא.

**מען** זיצט ביי א סעודה ווי ביידע זענען מסיים, עס איז נישט קיין רבי פרידא, און נישט אזא שוואכע תלמיד וואס רבי פרידא האט געהאט, אבער ביידע האבן אוועקגעגעבן יארן וואס זיי האבן עוסק געווען בתורה, איז זיכער אז דער רבונו של עולם וועט זיי געבן אריכת ימים, און דער רבונו של עולם גיט חיי עולם הבא. און מען גיט עס נישט נאר פאר זיי, נאר פאר אלע ארומיגע חברים וואס האבן צוגעהאלפן דערצו, און מען פרייהט זיך צוזאמען.

*

**איך** וויל זאגן אווארט פאר די בני בית. עס קומט נישט אן גרינג, טוישן דאס לעבן פון א שטוב, פון א אנדערע סארט לעבן, אויף א לעבן פון תורה. אסאך מסירת נפש, אסאך דארף מען אפפערן, אז מען זאל צוקומען דערצו. מילא דער וואס זיצט און לערנט אפפערט נישט אזוי סאך, ווייל ער פילט א סיפוק פון זיצען און לערנען, יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי עולם הבא, אבער די בני בית דארף דאס אלעס מיטמאכן, און זי האט נישט דעם סיפוק פון תורה וואס דער וואס זיצט און לערנט האט, איז דאס אסאך א גרעסערער נסיון. און אז ביידע זענען אדורך דעם נסיון, ביידע

זענען אדורכגעגאנגען אזעלכע שיינע יארן, זאל דער אייבערשטער געבן אז זיי זאלן זעהן אסאך נחת דקדושה פון אלע זייערע קינדער, זיי ערציען לתורה ולחופה ולמעשים טובים. און די עלטערן און זיידעס פוןביידע בעלי שמחה זאלן זעהן אסאך יודיש נחת. עס איז חודש אב, מען גייט אריין אין די טעג וואס יודען זענען מתאבל אויפן חורבן בית המקדש, כל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה (תענית ל:), זאלן מיר אלע צוזאמען זוכה זיין צו שמחת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** למחנה עדת יראים, להשתתף אצל **שמחת** הוואכנאכט של נינו **בן הרה"ג רבי יואל יוסף עזריאל טייטלבוים שליט"א**, חתן **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א** חדב"נ, ודומ"ץ בית המדרש סאמבאטהעלי, שהתקיים בבית המדרש אברכים במחנה. - לפני הוואכנאכט התפלל **רבינו שליט"א** תפלת מעריב ביחד עם תלמידי הכיתה ט'.

*

***יום שני פרשת דברים – ראש חודש אב***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **ישראל פריעדמאן** הי"ו. אחר התפלה השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר כך התקיים הברית של נין **רבינו שליט"א, בן הרה"ג רבי יואל יוסף עזריאל טייטלבוים שליט"א.** בסנדקאות נתכבד הסב **הגה"צ אב"ד טערצאל שליט"א**, ובמוהלת שימש הסב **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א. רבינו שליט"א** נתכבד באמירת הברכות וקריאת השם, ויקרא שמו בישראל 'יהושע', על שם זקינו **כ"ק הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל**. - אחר הברית פצחו הקהל בניגוני שמחה, ועברו בסך לפני **רבינו שליט"א** לאחל ברכת מזל טוב ביום שמחתו הגדולה.

סעודת הברית התקיימה בבית המדרש של הישיבה גדולה. – בתוך הסעודה נשאו דברים אבי הבן **הרב יואל יוסף עזריאל טייטלבוים שליט"א, הגה"צ אבד"ק טערצאל שליט"א, הרה"ג רבי מנחם שמואל טייטלבוים שליט"א, הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א,** ואחריהם השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לכבוד השמחה.

בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי אהרן ישעי' שליט"א** ובאמירת 'הרחמן' נתכבדו קרובי המשפחה. אחר ברכת המזון חילק **רבינו שליט"א** כוס של ברכה לכל קהל המשתתפים כנהוג.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, משה רבינו האט מוכיח געווען יודען, אלה הדברים אשר דבר משה אל כל ישראל בעבר הירדן, במדבר בערבה מול סוף וכו' (דברים א-א). רש"י זאגט, אז משה רבינו האט חס געווען אויף כבודן של ישראל בשעת ער האט געזאגט מוסר, האט ער נאר געזאגט די נקודות, אז יעדער איינער זאל זיך ארויסנעמען דערפון וואס איז נוגע פאר אים. זיי האבן געזינדיגט במדבר, זיי האבן געזינדיגט בערבה, און אזוי ווייטער. צווישן דעם האט ער אויסגערעכנט מול סוף. דער **בעל הטורים** ברענגט צו, אז עס איז דא א מסורה, צוויי מאל שטייט 'מול'. מול סוף, און ושוב מול את בני ישראל שנית (יהושע ה-ב), און ער שטעלט צוזאם אז דער מול סוף האט צוטון מיט די מצוה פון מילה. און ער גייט אריין אין די הלכה צו מען מעג מל'ן מיט א סוף, מיט א קנה, צו עס איז ראוי למילה.

**עס** קען זיין, אז איינע פון די זאכן וואס משה רבינו האט מוכיח געווען יודען איז, אז ווען יודען זענען געווען אין מדבר האט מען זיך נישט געמל'ט. שבט לוי איז געווען די איינציגסטע שבט וואס האט געהאט מסירת נפש זיך צו מל'ן אינעם מדבר, אבער גאנץ כלל ישראל האט זיך נאר געמל'ט ווען מען איז אריינגעקומען קיין ארץ ישראל, שוב מול את בני ישראל שנית. איינע פון די תוכחות וואס משה רבינו האט געזאגט פאר יודען, ער האט זיי מרמז געווען, מול סוף, אז מען האט זיך נישט געמל'ט דא, נאר מען האט איבערגעלאזט די מצוה פון מילה אויפן סוף, ווען מען וועט אריינגיין קיין ארץ ישראל. ער האט מוכיח געווען יודען, פארוואס מען האט זיך נישט גע'מל'ט תיכף.

**עס** קען זיין, אז ווען מען זאגט מוסר, איז נישט די תכלית פון די מוסר יענעם אנצווזידלען און

ארויסברענגען וואס ער האט נישט גוט געטון, מען דארף אויך געבן פאר יענעם חיזוק, אז מען קען מתקן זיין וואס מען האט געזינדיגט. די תכלית פון הערן מוסר איז, כדי מען זאל זיך מתבונן זיין, און פון היינט און ווייטער זאל מען זיך גוט פירן, און וואס מען קען מתקן זיין פון פריער, זאל מען מתקן זיין. משה רבינו האט מוכיח געווען יודען, האט ער נישט נאר סתם מוכיח געווען, נאר ער האט אויך אריינגעלייגט אינווייניג, אז מען זאל זיך נישט מייאש זיין פון תשובה טון, עס איז דא א מעגליכקייט, אז מען קען מתקן זיין וואס מען האט געזינדיגט.

**עס** שטייט פונעם **בעלזער רב זי"ע**, אז ווען מען מל'ט א קינד, איז נישט די מצוה בשלימות. ער איז נאך א קליין קינד, א מצוה אן דעת, אן א כוונה. אבער ווען דאס קינד ווערט גרויס, און ער מל'ט זיין קינד, איז ער משלים למפרע וואס ער האט געמל'ט. קומט אויס, אז מצות מילה איז א מצוה וואס מען איז מקיים אלץ קליין קינד, און צוואנציג יאר שפעטער איז ער משלים וואס עס האט געפעלט בשעת זיין מילה. די מעשה המצוה איז געווען, אבער די כוונה האט געפעלט, און שפעטער איז ער משלים די כוונה פון פריער.

**זעהט** מען אז א מענטש קען מתקן זיין צוואנציג יאר שפעטער, א זאך וואס איז געווען פון פארדעם. און משה רבינו האט דאס געברענגט פאר א ראיה פאר יודען, אז אפילו מען האט געזינדיגט, מען איז אדורך געגאנגען זמנים וואס מען האט חוטא געווען פארן אייבערשטען, פון דעסטוועגן דאך קען מען שפעטער מתקן זיין דאס וואס מען האט געזינדיגט פריער. אשרי זקנתנו שכיפרה על ילדתנו (סוכה נג.), עס איז דא א זמן אין זקנה, וואס מען קען מכפר זיין די ימי הילדות.

**האט** משה רבינו געזאגט, מען זעהט ביי מצות מילה, אז מען איז נישט מקיים די מצוה בשלימות בשעת מען מל'ט זיך, נאר מול סוף, ערשט אין סוף, נאך א שטיק צייט, ווערט נשלם די מילה וואס מען האט זיך געמלט. אז מען זעהט ביי מילה אז מען קען צום סוף משלים זיין וואס עס האט געפעלט פון פריער, איז במדבר בערבה, די אלע זאכן וואס איך בין ענק מוכיח, אז מען האט געזינדיגט, קען מען עס אויך מתקן זיין למפרע. תשובה מאהבה איז דאך זדונות נעשו לו כזכיות (יומא פו:), מען קען אינגאנצן מהפך זיין, אז א זדון זאל ווערן א זכות. דאס אלעס קען מען זיך אראפלערנען פון מול סוף, וואס ביי מילה איז מען אויך נישט מקיים די מצוה בשלימות בשעת מעשה, און די מצוה ווערט שפעטער נשלם אינגאנצן.

**דער** אייבערשטער האט געהאלפן פארן אבי הבן אז ער האט מכניס געווען זיין קינד בבריתו של אברהם אבינו, עס איז א דאפעלטע שמחה, עס איז א אייגענע ברית אויך, עס ווערט דאך נשלם יעצט וואס מען האט אים גע'מל'ט, וואס דעמאלטס איז עס געווען אן א כוונה, און יעצט איז עס שש לעשות צדק בגילה. זאל דער אייבערשטער געבן אז ער זאל קענען מגדל זיין דאס קינד לתורה ולחופה ולמעשים טובים מתוך נחת והרחבה. און די זיידעס און עלטער זיידעס זאלן זעהן אסאך נחת דקדושה. און ווי די וועלט זאגט, כשם שנכנס לברית, אזוי ווי ביי די ברית זיצט מען דא אלע אינאיינעם די עלטערן מיט די זיידעס און עלטער זיידעס, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, שפעטער צו די חתונה געזונטערהייט, זאלן מיר זיך אלע מיט פרייען אינאיינעם. מיר זאלן זוכה זיין, אז די טעג זאלן נתהפך ווערן לששון ולשמחה, און מיר זאלן האבן א פרייליכן לוסטיגן חודש, בביאת בן דוד במהרה בימינו אמן.

*

***יום רביעי פרשת דברים***

אחר התפלה נסע **רבינו שליט"א** לשכונת טריי סטאר והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **פנחס רובין הי"ו** (בן הר"ר **חיים רובין הי"ו**, וחתן הרה"ג רבי **בנימין ברייער שלט"א**). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**אלה** הדברים אשר דבר משה אל כל ישראל בעבר הירדן, במדבר בערבה מול סוף (א-א). דער **בעל הטורים** זאגט, אז עס איז דא א מסורה, צוויי מאל 'מול'. מול סוף, און ושוב מול את בני ישראל שנית

(יהושע ה-ב). און ער זאגט אז מול סוף איז א רמז אויף די מצוה פון מילה. מען דארף פארשטיין וואס איז די קשר פון די מצוה פון מילה, צו דעם וואס מען רעדט דא פון במדבר בערבה און אזוי ווייטער.

**מיט** פערציג יאר צוריק בין איך געווען אויף א שבת ביי **רבי איציקל פון פשעווארסק זצ"ל** אין איינע פון די זומער וואכן. עס איז געווען די לעצטע זומער זיינע, און יענעם שבת איז ער געווען אינדרויסן פון די שטאט זיך אפרוען, און עס איז געקומען א מנין יודן אויף שבת, און איך בין געווען צווישן דעם מנין. און זיין איידעם **רבי יענק'עלע זצ"ל** איז אויך געווען דארט, און ער האט פארגעלערנט פרקי אבות פאר דעם ציבור וואס איז געווען דארט. און ער האט געלערנט די משנה (אבות ה-ז) עשרה נסיונות ניסו אבותינו את הקב"ה במדבר. האט ער געזאגט, אז די וועלט פרעגט א קשיא, ווי אזוי קומט עס צו אזא הייליגע דור ווי עס איז געווען דער דור המדבר, וואס עס שטייט אזוי גרויס אין **זוהר הק'** אז עס וועט נישט זיין אזא דור ביז משיח וועט קומען, און דא זאגט די משנה, אז זיי האבן מנסה געווען דעם אייבערשטן מיט צען עבירות וואס זיי האבן עובר געווען.

**האט** ער געזאגט בדרך צחות, איך מיין אז די קשיא איז נישט קיין קשיא. אז מען טרעפט נישט אויף יודען אין פערציג יאר מער פון צען עבירות, קומט אויס איין עבירה אויף פיר יאר. זאגט ער, עס איז גאנץ א שיינער דור, אז מען טרעפט נאר איין עבירה אויף פיר יאר. פערציג יאר צען עבירות איז נישט געפערליך. עכ"פ די קשיא איז א קשיא, ווי אזוי קען זיין, אז אינעם דור המדבר האבן יודען געזינדיגט פארן אייבערשטען.

**משה** רבינו האט מוכיח געווען יודען, אלה הדברים אשר דבר משה אל כל ישראל במדבר בערבה, יעדע ווארט איז געווען א געוויסע חטא וואס יודען האבן געזינדיגט, און משה רבינו האט זיי מוכיח געווען. מען ווייסט אז צדיקים בשעת זיי האבן געזאגט מוסר, האבן זיי אלץ געזוכט א מליצת זכות אינעם מוסר אליין, אז עס זאל נישט מעורר זיין א קיטרוג אויבן אין הימל ווען מען זאגט מוסר, און מען האט אלץ געזוכט משלב צו זיין אין די ווערטער אז עס זאל זיין א זכות כלפי שמיא פארן אייבערשטען.

**עס** קען זיין, עס שטייט אין **שפת אמת**, אז די סיבה פארוואס מען זעהט אז ביים חטא העגל איז גאנץ כלל ישראל אדורכגעפאלען, אויסער שבט לוי. איין שבט וואס קיין איינער פון זיי האט נישט געזינדיגט, מי לה' אלי, ויאספו אליו כל בני לוי (שמות לב-כו). ווי אזוי קען זיין, אז יעדער פאלט אדורך, און איין שבט, שבט לוי, זענען געווען וואס האבן נישט געזינדיגט.

**זאגט** דער **שפת אמת**, ווייל די גמרא (יבמות עב.) זאגט, אז ווען יודען זענען געווען אין מדבר, האבן זיי זיך נישט גע'מל'ט, ווייל עס איז נישט געווען קיין רוח צפונית. שבט לוי איז געווען די איינציגסטע שבט, וואס זיי האבן זיך גע'מל'ט אין אלע אומשטענדן. כי שמרו אמרתך ובריתך ינצורו (דברים לג-ט), זיי האבן נישט געקוקט צו עס איז יא דא א רוח צפונית, צו עס איז נישט דא קיין רוח צפונית, זיי האבן זיך גע'מל'ט מיט מסירת נפש. קדושת המילה דאס גיט אריין די קדושה אין א יוד אז ער זאל קענען עומד זיין בנסיון אין אלע זיינע מצבים. כלל ישראל האט נישט געהאט די מצוה פון מילה בשעת מען איז געווען אינעם מדבר, האט זיי געפעלט די קדושה, אז זיי זאלן קענען עומד זיין. שבט לוי וואס זיי האבן זיך גע'מל'ט אינעם מדבר, האבן זיי געהאט אין זיך דעם כח אז זיי האבן געקענט עומד זיין בנסיון, און זיי זענען נישט אדורכגעפאלן בשעת מען האט געזינדיגט. ווייל מצות מילה דאס גיט אריין די קדושה אין א יוד, אז ער זאל זיך קענען האלטן.

**משה** רבינו האט געזאגט פאר שבט לוי, מלאו ידכם היום לה' (שם לב-כט), ער האט זיי געהייסען אז זיי זאלן גיין הרג'נען די אלע וואס האבן געזינדיגט. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז די ראשי תיבות פון מ'לאו י'דכם ה'יום ל'ה', איז מיל"ה. משה רבינו האט זיי געזאגט, האלטס ענק נישט אזוי גרויס אז עטץ זענטס געבליבן די מי לה' אלי, ווייל מלאו ידכם היום לה', עטץ האטס אויף ענק די קדושה פון מילה, און דאס האט ענק

צוגעהאלפן, אבער די אנדערע יודען האבן נישט געהאט די מכשירים דערצו, אז זיי זאלן זיך קענען אזוי פירן, זענען זיי אדורכגעפאלן.

**קומט** אויס, אז דאס וואס יודען זענען אדורכגעפאלען, האבן זיי געהאט א תירוץ דערויף, אז זיי האבן זיך נישט געמל'ט. די תורה איז געגעבן געווארן מיט מילה צוזאמען, און אז מען האט אונז אריינגעלייגט אין א מדבר וואו מען קען זיך נישט מל'ן, האט מען נישט געהאט דעם כח אז מען זאל זיך קענען אקעגן שטעלן אקעגן דעם יצר הרע. ווען משה רבינו האט מוסר געזאגט, אז מען האט געזינדיגט במדבר בערבה און אזוי ווייטער, האט ער געזאגט, מול סוף, מען וועט זיך ערשט מל'ן צום סוף, ווען מען וועט ארויסגיין פונעם מדבר, ושוב מול את בני ישראל שנית, מען מל'ט זיך נישט אין מדבר. און אז מען האט זיך נישט געמל'ט אין מדבר איז נישט קיין קשיא פארוואס מען איז אדורכגעפאלען במדבר בערבה און אזוי ווייטער. - דאס איז געווען א מליצה וואס ער האט אריינגעלייגט אין די ווערטער, אז ווייל מילה וועט ערשט זיין צום סוף, ווען מען וועט ארויסגיין פונעם מדבר, וועגן דעם האט מען געזינדיגט.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** ליוניאן סיטי לניחום אבלים אצל הר"ר **שמואל גאלדמאן** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אחיו **כ"ק האדמו"ר מזוועהיל זצ"ל**.

***<u>מתוך השיחה:</u>***

**רבינו:** עס איז א עקסטערע זכיה אז מען גייט אוועק אין די שטוב וואו מען האט געלערנט און געדינט דעם אייבערשטען. הייגט גייען רוב יודען אוועק אין די שפיטעלער צווישן גוים.

**הרה"ח רבי לייבוש שווארץ, משב"ק האדמו"ר מזוועהיל זצ"ל:** ער איז דא געזעסן און געלערנט כמעט פופציג יאר.

**רבינו:** איך בין געווען אסאך שבתים צוזאמען מיטן **זוועהיל רבי'ן** דא, ווען איך פלעג קומען צום **קלויזנבורגער רבי זצ"ל**.

**הרה"ח רבי לייבוש שווארץ:** דער רב פלעגט עסן די סעודות ביים רבי'ן. ער פלעגט אסאך רעדן דערפון, ער האט הנאה געהאט דערפון. דער רב פלעגט קומען מיטן **קאטומנ'ער רב זצ"ל**.

**רבינו:** אנגעהויבן האט זיך עס מיטן **קאטומנער רב**, און שפעטער פלעג איך קומען אליין.

**הרה"ח רבי שלמה מאייער:** ער פלעגט זאגן פאר די בחורים, אז עטץ קענסט ענק אויסלערנען אז מען רעדט נישט פאר א עלטערן ברודער[א].

**רבינו:** איך בין אמאל געווען דא מיטן **קאטמונער רב זצ"ל**, און די רעבעצין זאל זיין געזונט האט אים געבעטן, אז ער זאל זאגן פארן רבי'ן, אז ער זאל מער עסן, און מער שלאפן. האט ער געזאגט, איך זאל זאגן פאר רבי'ן? איר דארפט זאגן פארן רבי'ן. האט זי געזאגט, איך זאג, אבער עס העלפט נישט. האט ער איר געפרעגט, וואס זאגט דער רבי ווען איר זאגט אים אז ער זאל מער עסן און שלאפן. האט זי געזאגט, דער רבי זאגט, אז מען מוז אריינכאפן, ער האט נישט קיין צייט צו עסן און צו שלאפן.

**הרה"ח רבי לייבוש שווארץ:** דער רבי [האדמו"ר מזוועהיל] האט זיך געטראפן מיטן רב אפאר מאל סוכות, עס איז געווען א שטארקע נאנטשאפט, ער פלעגט רעדן מיטן רב מיט אזא חביבות.

**רבינו:** ער האט זיך אזויפיל געפלאגט, און ער איז אזוי יונג אוועק.

**הרה"ח רבי שלמה מאייער:** צוויי און צוואנציג יאר צוריק ווען ער איז קראנק געווארן, האט מען אים געזאגט, אז ער האט נאך צווישן דריי און זעקס חדשים, האט ער געזאגט, זארג דיך נישט, עס איז נאכנישט געקומען מיין צייט צו גיין. לעצטענס האט ער שוין געזאגט, שוין, איך בין שוין זיבעציג יאר. עס איז געווען לעצטנס די לויה פון **הגה"צ רבי פישל הערשקאוויטש זצ"ל** אב"ד האליין, האט ער געזאגט, אין אפאר וואכן ארום וועט מען מיר אזוי טראגן. לעצטנס האט ער געוואלט גיין וואוינען קיין ארץ ישראל.

**רבינו:** ער איז געווען זייער א איידעלער.

---

[א] **רבינו שליט"א** היה שובת שם ביחד עם אחיו **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א**, ולא התערב בהדברי תורה שנדברו בסעודת שבת. ופעם אחת כששהה שם רבינו לבד, והתערב בהדברי תורה, אמר **האדמו"ר מזוועהיל לרבינו** שלא ידע גדלותו בתורה, היות שמעולם לא התערב בהדברי תורה. ואמר לו **רבינו**, שאינו מדבר לפני אחיו הגדול.

**הרה"ח רבי לייבוש שווארץ:** ער האט קיינמאל נישט מקפיד געווען, מען האט געפילט אזוי נאנט צו אים, מען האט געקענט רעדן מיט אים כדבר איש אל רעהו.
**רבינו:** ער האט הנאה געהאט פון זיינע חידושי תורה. ווען ער האט געזאגט א גוטע זאך איז עס געווען ביי אים זייער באליבט. א שטיק צייט האט מען געדרוקט די דברי תורה.

*

אחר כך נכנס **רבינו שליט"א** לנחם את הרבנית מזוועהיל תליט"א ואמה הרבנית אשת **הגה"ק מצאנז קלויזענבורג זצ"ל**, ואמר: דער באשעפער זאל געבן לאנגע געזונטע יארן, שמחות און נחת ביי אלע קינדער און אייניקלעך, מען זאל זיך קענען טרייסטן, און קענען הערן גוטע בשורות. איך דערמאן זיך די גוטע צייטן ווען איך בין דא געווען, ווען דער **רבי זי"ע** האט געלעבט, מיר האבן געגעסן דא די שבתים, מיטן **קאטמונער רב** צוזאמען.

*

אחר כך נכנס **רבינו שליט"א** לביקור אצל **כ"ק האדמו"ר מצאנז שליט"א** ששהה שם בחדר הסמוך.

***__וזה תוכן השיחה:__***
**האדמו"ר מצאנז:** מען קומט ליידער אויף אזעלכע פעלער.
**רבינו:** עס ברענגט ארויף אסאך זכרונות, זכרתי ימים מקדם. מיר האבען נישט געוואוסט וואס מיר פארמאגן דעמאלטס.
**האדמו"ר מצאנז:** איך האב אמאל געהערט פונעם **קאטמונער רב**, האט ער געזאגט, אמרתי אחכמה והיא רחוקה ממנה (קהלת ז-כג). בשעת מען האט א זאך, מען לעבט מיט דעם, שעצט מען עס נישט, מען קוקט נישט ארויף דערויף, מען איז צוגעוואוינט דערצו, עס איז אזוי טאג טעגליך. ווען הייבט מען אן צו שעצן? ווען עס איז רחוקה ממנו, ווען מען האט עס שוין נישט. יודען זאגן מיר, איך געדענק נאך דעם טאטן פון זעכציג יאר צוריק, אבער וואו בין איך געווען שפעטער.

דער רב האט געקענט דעם שוואגער? עס איז א גרויסע אבידה.
**רבינו:** איך האב געזאגט פאר די מאמע, אז ווען איך פלעג דא צו זיין אויף שבתים, פלעג איך דא צו עסן די סעודות, ער פלעגט צו פירן די סעודות דעמאלטס.
**האדמו"ר מצאנז:** ער האט נישט געהאט קיין גוטע טאג אין זיין לעבן, און פון דעסטוועגן דאך איז ער אייביג געווען מיט א שמייכל, צהלתו בפניו, אלעמאל האט ער אויסגעזען ווי א צופרידענער מענטש, זיך באמת געפרייט מיט יעדענס שמחה. א מענטש אין זיין מצב ווערט פארביטערט, און גייט נישט צו קיין שמחות, אבער ער האט זיך אזוי געפרייהט מיט יעדנס שמחה, און מיטגעהאלטן אלע שמחות אין די משפחה. דאס ווייזט אויף די פנימיות פונע מענטש,
מען געפונט זיך אין די קאנטרי?
**רבינו:** יא. איך קום יעצט פון די קאנטרי, איך בין געקומען לשמה. עס שטייט דאך (**רמב"ם** הל' אבל פרק י"ד), אז ניחום אבלים איז לחיים ולמתים, עס איז א ניחום אויך פארן מת.
**האדמו"ר מצאנז:** עס שטייט (עיין **בזוה"ק** פרשת ויחי), אז וועגן דעם זאגט מען א לשון רבים, המקום ינחם אתכם, אפילו פאר א יחיד אויך, ווייל עס גייט אויך ארויף אויף די נשמה.
**א' הנוכחים:** דער **רמב"ם** (שם) זאגט, אז וועגן דעם איז ניחום אבלים מער פון ביקור חולים, ווייל עס איז פארביידע, לחיים ולמתים.
**האדמו"ר מצאנז:** ווען איך האב מספיד געווען, האב איך געזאגט, סימן טוב לאדם שלא נספד כהלכה (עיין סנהדרין מז.). די הלכה איז, אז מען מעג מגזים זיין. אויב איך זעה אז מען האט נישט מגזים געווען, עס איז לא נספד כהלכה, איז עס א סימן טוב.
**רבינו:** אין **שלחן ערוך** (יו"ד סימן שד"מ סק"א) שטייט, אז מען טאר נישט מגזים זיין, אבער אביסל מעג מען. פרעגט דער **טורי זהב** (שם סק"א), און אביסל ליגנט מעג מען יא זאגן. זאגט ער, ווייל מען קען נישט אפשאצן א מענטש באמת וויפיל ער איז. וויפיל מיר זעהן אים פון אינדרויסן איז ער באמת מער אינווייניג. קומט אויס, אז ווען מען זאגט אביסל מער, איז דאס דער אמת. און אז מען זאגט

נאר וואס מען זעהט, האט מען געזאגט אויפן מענטש ווייניגער פון וואס ער איז באמת.[ב]

***יום חמישי פרשת דברים***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין להבחור **יעקב דוב** (בן הר"ר משה יוחנן הי"ו) **וויינבערגער** נ"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** למחנינו 'עדת בנות וויען' והשמיע דברי הדרכה לבנות המבוגרות.

***וזה תוכן השיחה:***

**עס** איז ביי מיר זייער חשוב צו רעדן צו די מיידלעך און איינגעשטעלטע וואס געפונען זיך דא אין קעמפ. יעדער ווייסט אז פון די שענסטע צייטן וואס מען האט, איז די צייט וואס מען געפונט זיך אין קעמפ. עס איז א צייט וואס יעדער איינער קען אויסנוצן צו שטייגן. בדרך כלל ווען מען איז אין שטוב, איז יעדער איינער פאר זיך, עס קומט נישט אויס אז מען זאל זיין מיט אנדערע צוזאמען, נאר אין די צייטן וואס מען לערנט אין סקול. אבער זומער איז מען צוזאמען מיט אנדערע, פיר און צוואנציג שעה, און עס איז א געלעגענהייט וואס מען זאל קענען זייער אסאך מקבל זיין. די חשובע שיעורים וואס מען הערט אין משך פונעם זומער, אלץ אויף א אנדערע נושא, וואס יעדע שיעור פאר זיך איז פיל

---

[ב] בספר **משחת שמן** (פ' בראשית, מאת **הגה"צ רבי חיים שאול קויפמאן זצ"ל**, ר"י גייטסהעד) מובא מה ששמע בזה לפרש **מכ"ק מרן רבינו שליט"א**, וזה לשונו: שמעתי רעיון נפלא מהגאון אב"ד וויען בארה"ב שדקדק במה שכתב המחבר (שו"ע יו"ד סימן שדמ סעיף א) וזה לשונו מצוה גדולה להספיד על המת כראוי וכו', ואסור להפליג בשבחו יותר מדאי, אלא מזכירין מדות טובות שבו, ומוסיפין בהם קצת, רק שלא יפליג. והקשה **הטורי זהב**, שאם מותר להוסיף בהם קצת, מדוע לא יפליגו הרבה, וכי מה לי שקר קטן, ומה לי שקר גדול. והיסוד היוצא מתירוצו של הטורי זהב הוא, שפעולה שמסתבר לנו שהיה האדם עושה אילו היו מבקשים ממנו, מותר לומר עליו. דאנן סהדי שבוודאי היה עושהו, ואין כאן שקר לומר זאת. ועל דרך משל, לאדם שמגיע לסוחר אתרוגים, ומבקש לקנות אתרוג מהודר במחיר מאה דולר, אזי אם הסוחר יציע לו אתרוג מהודר ביותר, אבל במחיר מאתיים דולר, מסתבר שלא ירצה להוסיף כל כך. מה שאין כן כאשר יציע לו אתרוג מהודר במאה וחמש דולר, מסתבר שלא יסרב להוסיף על מחירו קצת. וזהו כוונת **השלחן ערוך**, שכשבאים להספיד אחד שדרכו היה לשלם מאה דולר כל שנה על אתרוג, מותר להפליג קצת ולנקוב מחיר שהוא קצת יותר ממה שהיה באמת, כיון שאנו בטוחים שאם היה מזדמן לו כך, היה עושה. אבל להפליג ולומר סכום שכלל לא היה משלם, הרי זה אסור משום שקר.

וכן בנוגע ללימוד התורה, שעל אחד שהיה רגיל להשתתף כל יום בשיעור למשך שעה אחת, ואם היה המגיד שיעור ממשיך עוד חמש דקות מסתבר שלא היה בורח משם, מותר לומר עליו שלמד כל יום שעה וחמש דקות. וכמו כן לענין נתינת הצדקה וקיום שאר המצות, שהוספה מועטת שאנו בטוחים שאם היה מזדמן לו כן, או שהיו מבקשים ממנו להוסיף מעט, לא היה מסרב, מותר להספידו שאכן עשה הוספה מועטת זו.

והטעים לבאר בדרך זו, הא דאיתא בגמרא (ר"ה יז.) דמי שיש לו מחצה זכיות ומחצה עוונות, הקב"ה מטה כלפי חסד. ופליגי בגמרא היכי עביד ליה, חד אמר נושא, היינו שהקב"ה ממעיט עבירה אחת ממשקל העוונות. וחד אמר כובש, שמוסיף מצוה אחת על משקל הזכיות. ויש לתמוה, דבשלמא להמעיט עוון מובן איך אפשר לעשות כן, אבל להוסיף מצוה מהיכן יקחו המצוה ההיא שהאדם לא קיימה מעולם. ולפי דברי **הטורי זהב** מובן שפיר, דאיירי במצוה כזו, דאנן סהדי שהיה האדם מוכן לעשות אילו היה נדרש ממנו, ואת זה מוסיפים על צד הזכיות להטותו לתחיה.

ואמר עוד, שבזה יש לפרש הפסוק (תהלים סב-יג) ולך ה' חסד כי אתה תשלם לאיש כמעשהו. ומקשים המפרשים שאם התשלום הוא כמעשהו, הרי אין זה נקרא חסד. ולדברינו מובן, דכמעשהו היינו שאפילו אם למעשה לא הספיק לעשותו, אך כיון שברור שהיה מוכן לעשותו, נחשב כאילו עשהו, ומקבל על זה שכר. - ומובן שכל זה שייך באחד שבכל ימי חייו אכן מראה שהוא מוכן להוסיף על מעשיו בכל עת שמזדמן לו, אבל אחד שיושב בשיעור, והמגיד שיעור מאריך בדקה אחת על השעה הקבועה, הרי הוא קם בחמתו ועוזב את המקום, וכן בשאר עבודת ה', שאין לו סבלנות לכל ענין המתארך בכמה דקות, ומתעקש לא להוסיף על מה שקבע לעצמו, עליו אי אפשר לומר דאנן סהדי שהיה מוסיף, וממילא לא יהיה לו הדבר לזכות ע"ש.

מיט תוכן, און עס טוט אויפבויען דעם מענטש, וואס מען זאל עס קענען מיטנעמען אויף שפעטער.

**עס** שטייט פונעם רבי'ן פון קאצק, מען זאגט יעדן טאג ביי קריאת שמע, והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך (דברים ו-ו), די ווערטער זאלן זיין אויף דיין הארץ. עס וואלט געדארפט צו שטיין אינעם פסוק, אז די ווערטער זאלן זיין 'בלבבך', אין דיין הארץ. פארוואס זאגט מען, על לבבך, אויף דיין הארץ. האט ער געזאגט, נישט אייביג איז דאס הארץ פון א מענטש אפן, ער איז נישט דערביי, אז ער זאל מקבל זיין וואס מען רעדט, עס גייט נישט אלעמאל אריין, און ער טוט זיך וועגן דעם צוריקהאלטן צו הערן זאכן וואס ער איז נישט ביי די מדריגה יעצט. אבער עס איז נישט ריכטיג. א מענטש דארף אייביג הערן און מקבל זיין, אפילו עס ליגט נאר על לבבך, אויפן הארץ, עס גייט נישט אריין אינווייניג יעצט, אבער עס קומט אמאל א צייט וואס מען דערמאנט זיך פון די ווערטער, עס קומט אמאל א צייט וואס דאס הארץ באקומט א קליין לעכעלע, און עס הייבן אן ארייננצוגיין די ווערטער וואס מען האט געהערט אין די יוגענט. - עס איז א געוואלדיגע געלעגענהייט די צייט וואס מען געפונט זיך אינעם קעמפ, אז מען זאל עס אויסנוצען צו שטייגן אין תורה און עבודת ה' און יראת שמים, וואס יעדער דארף האבן שטענדיג.

*

**ווען** מען געפונט זיך צוזאמען מיט אנדערע, לערנט מען זיך אראפ פון יענעמס הנהגה, ווי אזוי יענער פירט זיך. די ערליכקייט וואס מען זעהט ביי א צווייטן, די גוטע מדות וואס מען זעהט ביי א אנדערן, די אלע זאכן געבן צו פארן מענטש, אז ער זאל זיך קענען דערהייבן און שטייגן, און צוקומען צו וואס מען דארף צוקומען.

**און** כל שכן ווען מען רעדט צו די וואס דארפן זיין די משפיעים אויף אנדערע. מען איז שוין אין די יארן וואס מען דארף איבערגעבן פאר אנדערע, ארויסהעלפן פאר אנדערע, איז עס אן עקסטערע אחריות וואס מען האט אויף זיך, צו זיין א מוסטער פאר אנדערע ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. נישט אייביג איז מען משפיע נאר מיט רייד וואס מען רעדט, די הנהגה ווי אזוי מען פירט זיך אויף, דאס רעדט אסאך צו א צווייטן. אז מען זעהט איידלקייט, ערליכקייט, מען זעהט גוטע מדות, מען זעהט די אפגעהיטנקייט, ווי אזוי מען רעדט איינער צום צווייטן, דאס אלעס איז משפיע אויף א אנדערן.

**יודישע** טעכטער האט דער אייבערשטער געגעבן פאר זיי די זכיה, אז זיי זענען גרויסע משפיעים. דער אייבערשטער העלפט, אז מען האט חתונה, מען שטעלט אויף א שטוב, און מען הייבט אן צו ערציען קינדער, איז מען א משפיע. מען דארף די גאנצע צייט געבן ליבשאפט און ערליכקייט פאר די קינדער, זיי מחנך צו זיין. - פאר ענק האט דער אייבערשטער געגעבן די זכיה אז עטץ זענטס שוין פריער געווארן משפיעים, פאר די אנדערע וואס געפונען זיך דא. און די וועג ווי אזוי מען פירט זיך אויף, דאס איז א געוואלדיגער כח וואס איז משפיע אויף אנדערע.

**דער** פסוק (תהלים יט-א) זאגט, השמים מספרים כבוד א-ל, דער הימל פארציילט די כבוד פונעם אייבערשטען, ומעשה ידיו, און די ווערק פונעם אייבערשטען, מגיד הרקיע, זאגט דער הימל. דער הימל קען נישט רעדן, עס פארציילט גארנישט, און ער זאגט, אז דער הימל דערציילט דעם כבוד פונעם אייבערשטען. זאגט דער פסוק אליין ווייטער נאכדעם, אין אומר ואין דברים, אומגערעדט, אן קיין רייד, בלי נשמע קולם, מען הערט נישט זייער קול, אבער בכל הארץ יצא קום. מען קוקט אן די הימל וואס דער אייבערשטער האט באשאפן, זעהט מען די גרויסקייט פונעם אייבערשטען. א הימל, א זון, א לבנה, מיליאנען און ביליאנען שטערנס וואס איז דא אין די הימל, דאס אלעס דערציילט כבוד א-ל, אן דעם וואס דער הימל רעדט עפעס. - אזוי אויך דארף זיין א מענטש א משפיע אויף אנדערע, אן דעם וואס מען זאל דארפן רעדן. מען זאל זיך אזוי אויפפירן, אז מען זאל קענען האבן א השפעה אויף אנדערע.

*

**עס** איז יעצט די טעג וואס יודען זענען מתאבל אויפן חורבן פונעם בית המקדש. מיר ווייסען אז ביי דער ערשטער בית המקדש וואס איז געשטאנען פיר הונדערט און צען יאר, האט ירמיה הנביא געזאגט נביאות אין נאמען פונעם אייבערשטען, אז יודען פירן זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, און דער אייבערשטער גייט חרוב מאכן דעם בית המקדש. גאנץ מגילת איכה וואס ירמיה הנביא האט געשריבן, איז געשריבן געווארן פארן חורבן, ער האט באוויינט דעם חורבן וואס גייט קומען.

**אין** די זעלבע צייט, האט דער אייבערשטער געזאגט פאר ירמיה הנביא, אז נאכן חורבן בית המקדש גייט קומען דער גלות, און עס וועט אנהאלטן זיבעציג יאר. און נאך זיבעציג יאר וועט מען ארויסגיין פונעם גלות, און צוריק ארויפקומען קיין ירושלים, און נאכאמאל אויפבויען דעם בית המקדש. א געטליכקייט וואס א בשר ודם קען נישט זאגן, ווי אזוי עס וועט אויסקוקען אין זיבעציג יאר ארום, און דער אייבערשטער האט שוין געזאגט בשעת דעם חורבן, אז דער גלות וועט נעמען זיבעציג יאר, און נאכדעם וועט מען אויפבויען דעם בית המקדש. און דאס איז געווען דער טעות פון אחשורוש, וואס ער האט געמיינט אז עס האט זיך שוין געענדיגט די זיבעציג יאר, און וועגן דעם האט ער געמאכט א מאלצייט, אז יודען וועלן שוין בלייבן ביי אים אין גלות. און עס האט זיך נאכדעם ארויסגעשטעלט אז וואס דער נביא האט געזאגט, איז הונדערט פראצענט מקויים געווארן, נאר אחשורוש האט נישט געוואוסט ווי אזוי מען רעכנט די די זיבעציג יאר (מגילה יא:).

**נאך** זיבעציג יאר האט מען אויפגעבויט דעם צווייטן בית המקדש, און עס איז געשטאנען פיר הונדערט און צוואנציג יאר. נאכדעם איז געקומען דער חורבן פונעם צווייטן בית המקדש, און מיר זענען נאך אלץ אין גלות. און דאס איז א חשבון, נישט פון זיבעציג יאר, און נישט פון צען מאל זיבעציג יאר, עס איז שוין באלד צוויי טויזנט יאר וואס דער גלות האלט אן, און אונז האף מיר יעדן טאג, אחכה לו בכל יום שיבא, אז דער אייבערשטער וועט אונז אויסלייזן פונעם גלות.

**די** גמרא (יומא ט:) שטעלט זיך, פארוואס ווען דער ערשטער בית המקדש איז חרוב געווארן, איז געגעבן געווארן א צייט, אז נאך זיבעציג יאר וועט מען אויפבויען דעם בית המקדש, און פארוואס ביים צווייטן בית המקדש איז נישט געגעבן געווארן א צייט ווען עס וועט זיך אויפהערן דער גלות. זאגט די גמרא, ראשונים שנתגלו עונם, נתגלו קצם, אין די צייטן פון דעם ערשטן בית המקדש, איז די זינד וואס מען האט געטון געווען אפן. יעדער האט געוואוסט מיט וואס מען זינדיגט, פארוואס עס איז געקומען דער חורבן. אבער ביי דעם צווייטן בית המקדש איז לא נתגלו עונם, עס איז נישט נתגלה געווארן זייער עון, מען האט נישט דערקענט אינדרויסן וואס דער חטא איז, מען האט געזינדיגט באהאלטענערהייט, וועגן דעם האט דער אייבערשטער נישט מגלה געווען דעם זמן פון דעם קץ.

**עס** שטייט אין די מפרשים, עבירות וואס א מענטש זינדיגט אפענערהייט, טוט ער אנערקענען, ער ווייסט אז עס איז א חטא, ער ווייסט אז מען דארף עס נישט טון, און ווען ער באקומט פעטש, ער באקומט א קלאפ פונעם אייבערשטען, ווערט ער נתעורר, און ער טוט תשובה דערויף, גייט אוועק דער עון, וואס ער האט געזינדיגט מיט תשובה. אבער ווען א מענטש קוקט זיך אן אויסענווייניג, אז ער איז גאנץ א וואוילער יוד. ער האלט שבת, ער לערנט, און ער דאווענט, ער טוט מצות און מעשים טובים. אבער ער טוט נישט אפשאצן די הארבקייט פון די עבירות וואס ער טוט, דאס איז אסאך הארבער, ווייל אויף דעם טוט ער ווייניג תשובה.

**די** גמרא (שם ט.) זאגט, אז ביים צווייטן בית המקדש איז געווען תורה און עבודה און גמילות חסדים, מען האט געלערנט, און מען האט געדאווענט, און מען האט געטון חסד, אבער מען איז געזעסן איינער נעבן דעם אנדערן, מען האט געגעסן אינאיינעם, און מיט די שווערד וואס איז דא אין די צונג פון א מענטש, האט מען זיך געשטאכן איינעם דעם אנדערן. אזוי רופט עס אן די גמרא. דאס איז טייטש, אז ווען מען האט גערעדט, האט מען ווי געטון איינער דעם אנדערן,

מען האט זיך געקריגט איינער מיטן אנדערן. כאטש דאס איז אויך א זאך וואס יעדער זעהט, אבער עס איז באהאלטן. מען כאפט זיך נישט אז דאס איז א עבירה. - און ווייל מען האט נישט מתקן געווען די עבירה, זענען מיר נאך אלץ אין גלות. עבירות שלא נתגלו עונם, עבירות וואס מען דערקענט נישט אפענערהייט, איז הארבער פון א עבירה וואס מען דערקענט אפענערהייט. ווען מען טוט א עוולה, און מען ווייסט אז מען האט געטון א עוולה, טוט מען תשובה דערויף. אבער א זאך וואס מען האלט אז עס איז נאר א קליינינקייט, איך האב יענעם גארנישט צוגענומען, איך האב אים נאר געזאגט א ווארט, איך האב אים ווי געטון, פון דעם מאכט מען נישט א עסק, און מען טוט נישט קיין תשובה דערויף. זאגט די גמרא, אז וועגן דעם זענען מיר נאך אלץ אין גלות, און דער בית המקדש איז נישט געווארן אויפגעבויט.

**ווען** מען געפונט זיך אינעם קעמפ, איז דא אזויפיל געלעגנהייטן מתקן צו זיין דאס וואס האט געברענגט דעם חורבן. מען זיצט אינאיינעם גאנצע טעג, נעכט, און וואכן, עס איז דא אזויפיל געלעגנהייטן צו טון חסד איינער מיטן צווייטען. מען רעדט סיי פון סור מרע, און סיי פון עשה טוב. **דאס איז זיכער אז מען דארף זיין אפגעהיטען נישט ווי צו טון, עס קומט אויס אז מען האט צוטון מיט א חבר'טע, און נישט אייביג פארטראגט מען זיך, און נישט אייביג איז מען אויף איין מיינונג מיטן צווייטן, דארף מען וויסן נישט ווי צו טון איינער פארן אנדערן, נישט טשעפענען איינער דעם אנדערן, אוועקגיין פונעם רע, נישט בארעדן איינעם דעם צווייטען. מען זיצט אסאך מאל צוזאמען, און צווישן זיך קוקט מען אויס ווי גוטע פריינד, און ווען מען הייבט זיך אויף, טוט מען בארעדן איינער דעם צווייטען. דאס איז אלעס עבירות וואס איז לא נתגלו, מען מיינט אז עס איז נישט קיין עבירות, עס קוקט אויס גרינג פאר א מענטש, אבער אזעלכע עבירות האבן צוגעברענגט דעם חורבן פונעם בית המקדש.** און וועגן דעם איז נישט נתגלו קצם, מען ווייסט נישט ווען דער קץ וועט זיין.

**און** כל שכן דער עשה טוב, די געלעגנהייט וואס מען האט, **איינצובאקן אין זיך די מדה פון חסד, פון געבן פאר א צווייטן. נישט יעדער האט אלעס וואס מען דארף צו האבן, אין א קעמפ, איז מען אייביג אנגעוויזען איינער אויפן צווייטען, וואס איין חבר'טע האט יא, האט די צווייטע נישט. גוטס צו טון איינער פארן צווייטען, ארויסצוהעלפן פאר יענעם, אמאל איז עס מיט עסן, און אמאל איז עס מיט א גוט ווארט, מחזק זיין און מעודד זיין. עס איז דא וואס זענען אין נאטור שוואכער, און זיי האבן ווייניג סעל"ף עסטי"ם, און ווען מען איז זיי מחזק, און מען זאגט זיי א גוט ווארט, דערהייבט עס זיי, און זיי גייען אוועק פון קעמפ אסאך מאל דערהויבן, וואס זיי זענען נישט געווען א לאנגע צייט פארדעם.** דאס איז אונזער פליכט, די אלע וואס זענען משפיעים פאר אנדערע, דארפן זיין א מוסטער פאר די איבריגע, וויסען ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. זיי אליין דארפן אויסנוצן וואס דער אייבערשטער האט זיי געגעבן, אז זיי קענען זיין משפיעים פאר אנדערע. מען דארף יעדן טאג טראכטען, וואס האב איך היינט געטון א חסד פאר א צווייטען, וואס האב איך היינט ארויסגעהאלפן פאר א אנדערן. און אז מיר טוען דאס, וועט מען זוכה זיין אז דער אייבערשטער וועט זיך מרחם זיין אויף אונז, און מיר וועלן זוכה זיין צו די גאולה בקרוב.

*

**עס** זיצען דא א גרויס טייל וואס זענען שוין ארויסגעגאנגען פון סקול, און מען גייט ארויס טיטשע"ן אדער ארבעטן, און מען שטייט אט אט פאר שידוכים. איך וויל זאגן אפאר ווערטער וועגן די חשיבות פון תפלה. **א שידוך איז די וויכטיגסטע זאך אין לעבן פון א מענטש. אז דער אייבערשטער העלפט, און מען טוט א גוטן שידוך, האט מען א רואיג לעבן, מען שטעלט אויף א שיינע שטוב, און עס איז א אנגענעמע לעבן פון תורה און עבודה און יראת שמים וואס איז דא אין די שטוב. חס ושלום, אויב עס שטעלט זיך נישט אזוי אויס, איז נישט דא א שווערערע זאך פאר א מענטש אדורכצוטראגען, ווי אפצולעבן א לעבן וואס פעלט תענוג און נחת און אזוי ווייטער. ווען מען האלט פאר אזא שריט, וואס מען דארף זיך אויסקלויבן וואס עס איז באשערט פון אויבן, דארף מען זייער אסאך מתפלל זיין, און בעטן פונעם אייבערשטען, אז דער באשעפער זאל געבן, מען זאל טרעפן די ריכטיגע**

**וואס מען זוכט, און מען זאל קענען צוזאמען אויפשטעלן א בית נאמן בישראל.**

**דער עיקר וואס מען דארף זוכן איז. איינס, א בחור א תלמיד חכם, וואס איז געזעסן און געלערנט פלייסיג. צווייטענס, ער זאל זיין א ערליכער. עס איז היינט א פארדארבענע וועלט אינדרויסן, עס קען אסאך מאל אויסקוקן שיין אינדרויסן, אבער עס פעלט יראת שמים פון אינעווייניג. ועל כולם, א בעל מדות טובות, ער זאל זיין א גוטער, א פיינער, א בעל מדות.** דאס זענען די דריי פונקטען, וואס דאס זענען די חשוב'סטע זאכן וואס מען דארף זוכן ביי א שידוך. וויסן אז מען דארף טרעפן א תלמיד חכם וואס איז געזעסן און געלערנט. א בעל יראת שמים, און א בעל מדות טובות. אלע אנדערע זאכן וואס מען זוכט ביי א שידוך, איז אלעס נאר מעלות וואס עס גיט צו, עס איז א פלא"ס אויב מען האט עס אויך, אבער דאס איז נישט דער עיקר. די עיקר זענען די דריי נקודות, און אויף דעם דארף מען מתפלל זיין, אז דער אייבערשטער זאל צושיקן דאס ריכטיגע.

**אז** דער אייבערשטער העלפט, און מען טוט א גוטן שידוך, ווערט אויפגעבויט דער מענטש אליין, און מען בויט צוזאמען אויף א ערליכן בית נאמן בישראל. **און אויף דעם דארף מען תפלה. דער אייבערשטער איז א שומע תפלת כל פה, ער הערט צו יעדע תפלה וואס מען איז מתפלל. ווי מער מען בעהט, ווי מער מען דאווענט, אלץ מער מאכט עס א רושם אויבן אין הימל. יעדע תפלה האט א כח משנה צו זיין זאכן וואס איז נגזר געווארן אנדערש פון אויבן.** מען געפונט אין די קומענדיגע פרשה, אז משה רבינו האט געוואלט אריינגיין קיין ארץ ישראל, און ער האט מתפלל געווען פינף הונדערט און פופצן תפלות. און ער וואלט זיך נישט אפגעשטעלט ביי דעם, ער וואלט נאכמער געבעטן, נאר דער אייבערשטער האט אים געזאגט, אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה (דברים ג-כו), האט ער זיך אפגעשטעלט. מען דארף בעטן הונדערטער תפלות אויף א זאך, און יעדע תפלה מאכט א רושם. און עס קוקט אויס ביי משה רבינו, אז ווען ער וואלט מתפלל געווען נאך איין תפלה, וואלט ער אדורכגעבראכן, און ער וואלט געקענט אריינגיין קיין ארץ ישראל. ווייל מען זעהט דאך, אז דער אייבערשטער האט געבעטן אז ער זאל מער נישט דאווענען, וואס האט געאהרט פארן באשעפער אז ער וועט ווייטער מתפלל זיין, איז על כרחך, אז די איין תפלה האט נאך אויסגעפעלט אז ער זאל קענען אדורכברעכען אויבן אין הימל וואס מען האט אויף אים גוזר געווען. תפלה האט א געוואלדיגן כח, און מען דארף אויסנוצן די צייט וואס מען האט אויף דאווענען, און בעטן פונעם אייבערשטען, אויף זיך, און אויף אלעם וואס מען דארף צו האבן.

*

**איך** האב געוואלט מעורר זיין וועגן די טעכנאלאגיע וואס איז דא היינט. **מען ווייסט אז אין די מוסדות, אין סקול און אין קעמפ, איז אלץ דא גדרים וסייגים אויף די כלים וואס איז דא, אז מען זאל זיך נישט באנוצן דערמיט. עס קוקט אסאך מאל אויס, ווי מען שטייט אויפן קאפ, ווי מען לייגט ארויף א זאך. מען וואלט זיך געקענט אסאך אונטערהאלטן דערמיט, און מען האט עס צוגענומען. מען איז נאך יונג, עטץ פארשטייטס נישט, אבער ווען מען ווערט אביסל עלטער, און ווען מען ווערט נאך עלטער, דארף מען וויסען אז דאס איז סם המות פאר א מענטש, עס איז א חורבן ממש. די אלע וואס זענען געווען חכמים, און זיי האבן געמיינט אז ביי מיר וועט עס נישט שאטן, האט זיך עס זייער נישט גוט אויסגעשטעלט אין זייער לעבן. עס האט צובראכן שטובער, עס האט צובראכן מאן און ווייב, און קינדער, גאנצע משפחות זענען צוגרינד געגאנגען, ווייל מען איז פארפלאנטערט געווארן מיט די טעכנאלאגישע כלים וואס מען האט זיך אריינגעלייגט דערין. מען דארף זיין דאנקבאר, מען דארף זיך פרייען, אז עס איז דא איינער וואס שטייט און שטערט אז מען זאל עס נישט טון, און מען היט אפ אז מען זאל נישט אריינפאלן דערין. ווייל ווען מען פאלט אריין דערין, ווייסט מען נישט נאכדעם וואו מען קומט אן.**

**ווען מען גייט ארויס פון סקול, מען געפונט זיך שוין אינדרויסן, אין די ארבעט, און מען זעהט אנדערע האבן עס, אסאך מאל וויל מען נאכטון,**

**זאל מען וויסען אז מען דארף זיך האלטען שטארק, מען דארף האבן א רצון, איך וויל עס נישט האבן, איך וויל זיך נישט אונטערוואַרפן אונטער דעם, צום סוף וועט עס נישט ברענגען גוטס. עס איז אפשר א עינדשוימענ"ט לפי שעה, אויף די מינוט, אבער עס איז אזוי ווי א מענטש, וואס עסט זאכן וואס האט אין זיך סם, וואס בשעת ער עסט עס, איז עס גוט, ער האט הנאה דערפון, אבער שפעטער לאזט עס ח"ו איבער אינעם מענטש נישט גוטס. די זעלבע זענען די טעכנאלאגישע כלים, מען דארף זיך פרייען אז מען האט נישט קיין שייכות דערמיט. און אויב מען האט יא, דארף מען זיך אפּהאקן דערפון. עס איז נישט א עול, מען דארף עס טון מיט א שמחה, מיט א פרייליכקייט, איך וויל זיין ערליך, איך וויל א ערליכע שטוב, און אז מען זאגט אז דאס איז די זאך וואס צוברעכט עס, טו איך עס נישט וועגן דעם ווייל מען בעהט אז איך זאל עס נישט טון, נאר איך וויל עס נישט טון. איך וויל נישט האבן א שייכות דערמיט, איך וויל נישט זיין צוגעבינדען צו א זאך וואס קען מיך אראפּפירן פונעם ריכטיגן וועג. מקבל זיין אויף זיך מתוך שמחה, מיט א פרייליכקייט, אז מען קען גיין אויפן ריכטיגען וועג.** עס איז דא אמאל א קבלת עול, וואס א מענטש נעמט אויף זיך עול מלכות שמים, ער האט נישט קיין ברירה, ער איז א יוד און ער מוז טון. און אמאל איז דא וואס ער טוט עס מתוך שמחה, מיט א פרייליכקייט, ער פארשטייט דעם אמת, אז דאס איז דער עיקר פונעם לעבן, תורה און עבודה און יראת שמים, נעמט ער עס אויף זיך מיטן גאנצן הארץ.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען מצליח, עטץ זאלטס אלע קענען אויסנוצן דעם זומער ווי עס דארף צו זיין, און אויפשטעלן בעזה"ה שיינע יודישע שטובער. און ווי מען האט פריער גערעדט, זיך אליינס צו שטארקן, און אהיימנעמען פון דא אסאך הויפענס פון תורה און יראת שמים. אויסנוצן די צייט וואס מען איז דא, מקבל צו זיין. יעדע זאך וואס מען הערט זאל מען אוועקלייגן, עס איז גוט אז מען האט עס במחשבה, עס איז גוט אפילו בשעת מען איז נישט דערביי, אז מען האט עס דערהערט, יעדע שיינע מעשה וואס מען הערט, וואס עס האט אין זיך א לימוד פון מוסר און יראת שמים, זאל מען עס איבערחזר'ן, אמאל וועט עס צוניץ קומען. און די עבודה פון אונז אין די צייט וואס מען איז דא, איז מרבה זיין צו טון חסד, ארויסהעלפן איינער פארן צווייטן, ח"ו נישט ווי טון איינער פארן אנדערן, וויסען אז דאס האט צוגעברענגט דעם חורבן פונעם בית המקדש, דאס האט צוגעברענגט דערצו אז מיר זענען נאך היינט אין גלות, און מיר זענען נאכנישט אויסגעלייזט געווארן.

**דער** אייבערשטער זאל געבן אז מען זאל האבן אסאך הצלחה אין וואס מען טוט. איך וויל באדאנקען פאר די אלע וואס געבן זיך אוועק פאר די קעמפ, אנגעהויבן פון די מנהלת אינעם קעמפ, די דירעקטאר"ס וכדומה, וואס געבן זיך זייער אסאך אוועק אויפצוהייבן דעם קעמפ דאס מערסטע וואס מען קען, אין תורה און עבודה און יראת שמים. זאל דער אייבערשטער געבן, אז עס זאל זיין מיט אסאך הצלחה און נשיאת חן, מען זאל קענען ענדיגען דעם זומער מיט א פרייליכקייט, און א לוסטיגקייט. דער אייבערשטער זאל משמח זיין גאנץ כלל ישראל, אז מיר זאלן אויפגעראכטן ווערן. דער באשעפער זאל אונז שיקן דעם גואל צדק בקרוב, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך האציל **רבינו שליט"א** מברכותיו לצוות המנהלות והמחנכות, ואמר: עס שטייט אין די גמרא (יומא פז.), כל המזכה את הרבים, אז מען איז מזכה אנדערע, האט מען א געוואלדיגן זכות. וואס מען טוט פאר א אנדערן, באצאלט דער אייבערשטער צוריק ביי זיך אין שטוב. אסאך מאל איז מען מוותר ביי זיך אינדערהיים, כדי צו טון פאר אנדערע, און מען מיינט אז מען פארלירט עפעס אין שטוב. מען פארלירט גארנישט. אין דעם זכות וואס מען טוט פאר א צווייטען, העלפט דער אייבערשטער אז מען זעהט נחת ביי די קינדער. דער באשעפער זאל געבן, אז מען זאל זעהן נחת ביי די קינדער, און זיי מגדל זיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים, מיט נחת והרחבה. און אלע זאלן האבן א גוט געבענטשט יאר, און א כתיבה וחתימה טובה.

***יום שישי פרשת דברים***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **אלעזר יואל גאלדבערגער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***שבת קודש פרשת דברים***

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע,** (מתוך הספר **שיח זקנים** חלק שמיני). בברכת המזון נתכבד הרה"ג רבי **אברהם דוד הורוויץ** שליט"א (ר"מ בישיבתנו הק').

***וזה תוכן הסיפורים (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):***

סיפר **הרה"ק מקלויזענבורג זצ"ל**, שסיפר לו אביו **הרה"ק רבי צבי הירש מרודניק זצ"ל**, שהיה איזה זמן שהיה מחוסר מעות ל"ע, והחליט לנסוע לעיירות לצורך זה. כשהלך להיפרד מזקינו **הרה"ק מצאנז זצ"ל,** אמר לו זקינו, הרי תסע לעיירה פלונית, ויעלה בחשבונך פלוני יתן לי כך וכך, ולפי חשבונך עליך לאסוף בעיירה זו כך וכך. אבל למעשה וועט נישט זיין אזוי, מען וועט דיר געבן ווייניגער ווי דו שטעלסט זיך פאר, און דו וועסט מיר נאך ווערן א שונא ישראל. איך וויל דיר זאגן מיין קינד, וויפיל עס איז דיר באשערט, אזוי פיל וועסטו האבן.

כשאבי עמד כבר אצל הדלת, אמר לו זקינו, נאך איין זאך וויל איך דיר זאגן מיין קינד, אז דער וואס וועט דיר נישט געבן קיין געלט, האט נישט די זכיה מהנה צו זיין מיינס א קינד.

**והוסיף רבינו:** ער האט געענדיגט, אז דער וואס וועט דיר נישט געבן קיין געלט, האט נישט די זכיה מהנה צו זיין מיינס א קינד. דער הייליגער **קאמארנער** ברענגט צו אין איינע פון זיינע ספרים, אז ער האט געהערט פון זיין שווער, **רבי אברהם מרדכי פינטשעווער**. דער קאמארנער שרייבט, אז זיין שווער רבי אברהם מרדכי, האט משמש געווען דריי הונדערט צדיקים. און זיין שווער רבי אברהם מרדכי האט אים געזאגט, אז ער האט אליין געהערט פונעם **רבי ר' זושא**, אז דער **רבי ר' זושא** האט אמאל מקבל געווען אויף זיך אז ער גייט נישט בעטן פון קיינעם קיין געלט. וואס עס איז אים באשערט, וועט אים דער אייבערשטער מזמין זיין. וכן הוה, ער איז געזעסן אין בית המדרש, און אלץ איז געווען א יוד וואס האט אים צוגעברענגט פרישטאג און נאכטמאל.

**אמאל** איז אדורכגעגאנגען דריי טאג וואס קיינער האט זיך נישט ווינסדיג געמאכט פון אים, און ער האט געשפירט אז ער האלט ביי כלות הנפש. און ער האט נישט געוואוסט וואס ער זאל טון, צו ער זאל ברעכן זיין קבלה וואס ער האט גענומען אויף זיך, עס איז פיקוח נפש, צו ער זאל זיך פארלאזן אויפן אייבעשטען, אז דער אייבערשטער וועט אים מזמין זיין. און ער האט מחליט געווען יעבור עלי מה, ער האט בטחון אינעם אייבערשטען, אז דער באשעפער וועט אים צושיקן וואס ער דארף. און קיינער האט נישט געברענגט. האט דער **רבי ר' זושא** געזאגט, אז ער האט געשפירט ווי דער אייבערשטער האט אים מזמין אינעם מויל, אזוי ווי צוויי עגילים פון האניג אדער עפעס אנדערש, וואס פון דעם האט ער זיך ערנערט אפאר וואכן.

**און** דער **רבי ר' זושא** האט געזאגט, אז דער אייבערשטער וואלט דאך געקענט אריינגעבן אין געדאנק פון א יוד אז ער זאל מיר ברענגען צו עסן, אבער עס איז נישט געווען אין די גאנצע געגנט א יוד וואס זאל האבן די זכיה מיך מחיה צו זיין אין דעם מצב ווי איך בין געווען. האט מען ענדערש פון הימל צוגעשיקט אזא נס אז מען האט אים מזמין געווען וואס ער דארף, ביז שפעטער איז געקומען א עושר, און ער האט אים געזען אין בית המדרש, און ער האט אים געגעבן צו עסן, און דערמאלטס האט זיך עס ביי אים אויפגעהערט. - דער **צאנזער רב** האט געזאגט, אז מהנה צו זיין זיינס א קינד דארף מען האבן א זכיה, און דער וואס וועט דיר נישט געבן, האט נישט די זכיה מהנה צו זיין מיינס א קינד.

**נאך** האט ער אים געזאגט, אז ער זאל נישט ווערן א שונא ישראל. - אסאך מאל טראכט מען, יענער

דארף געבן, און יענער דארף העלפן, און אז יענער טוט נישט אזוי, האט מען עגמת נפש, און מען ווערט א שונא ישראל פשוטו כמשמעו. האט אים דער **צאנזער רב** געזאגט, וואס עס איז באשערט ווערט ממילא זיין. אזוי שטייט אין די גמרא (יומא לח.) אז וואס עס קומט זיך פאר א מענטש, וואס מען האט אים אנגעשריבן פון אויבן, בשמך יקראוך, ווערט מען דיך רופן מיט דיין נאמען, ובמקומך יושיבוך, און אויף די פלאץ וואו דו דארפסט צו זיין ווערט מען דיך אוועקזעצן, אין אדם נוגע במוכן לחבירו, מען קען נישט צורירן צו וואס עס איז צוגעגרייט פאר יענעם. ווען מען גייט נאך געלט, איז אנגעשריבן ווער עס דארף געבן, און וויפיל ער ווערט געבן, און מיט וויפיל מען ווערט אהיימקומען, און נישט אייביג איז עס ווי די חשבונות פונעם מענטש זענען. די וואס זענען אין מסחר ווייסען אויך אזוי, וויפיל מאל מיינט מען אז דא ווערט מען האבן, און פון דארט ווערט מען האבן, און צום סוף שטעלט זיך ארויס נישט אזוי ווי מען האט געטראכט. - נער הייתי גם זקנתי, איך בין אויך נישט קיין יונגערמאן, און איך קען זאגן, אז רוב מאל, וואס איך האב געטראכט, האב איך נישט מצליח געווען, און וואס איך האב נישט געטראכט, האב איך יא מצליח געווען. עס איז נישט אלעס וואס מען טראכט. מען טראכט דער ווערט העלפן וכדומה, עס איז נישט אזוי, עס איז אנגעשריבן אויבן אין הימל. א מענטש דארף עס חזר'ן פאר זיך אליין, ווייסען אז אלעס איז אנגעשריבן פון אויבן, און מען דארף נישט מאכן קיין עגמת נפש, טאמער א זאך שטעלט זיך נישט ארויס אזוי ווי מען האט געטראכט.

*

עוד אמר **הרה"ק מקלויזענבורג זצ"ל**, ששמע מאביו **הרה"ק מרודניק זצ"ל**, ששמע מזקינו **הרה"ק מצאנז זצ"ל**, שאמר בזה הלשון, די קלענסטע מדריגה פון א צדיק, איז פוקד צו זיין עקרות, און מחיה מתים צו זיין, און די גרעסטע מדריגה איז, זיך צו פארברענען פארן באשעפער יעדע רגע.

**מיין** טאטע ז"ל איז געווען א גרויסער בעלזער חסיד, פון **רבי אהרן זי"ע**. איך קען אפילו נישט זאגן ווי ווייט דבוק ער איז געווען אינעם **בעלזער רב**. ווען מען פלעגט אים צו בעטן אז ער זאל דערציילן עפעס א מעשה פונעם **בעלזער רב**, פלעגט ער צו זאגן, וואס דארפסטו א מעשה? ווי אזוי ער עסט, און ער טרינקט, און ווי אזוי ער פירט זיך אויף, דאס איז דער גרעסטער פלא, אז א מענטש קען אזוי עקזיסטירן. דער גרעסטער מופת איז, זיין הנהגה ווי אזוי ער פירט זיך. - דער **צאנזער רב** האט געזאגט, אז די גרעסטע מדריגה איז, זיך צו פארברענען פארן אייבערשטען יעדע רגע.

*

סיפר הרה"ג רבי שמחה רובין שליט"א ששמע מאביו **הגה"צ רבי אלעזר מלאנצוט זצ"ל**, שאביו **הגה"צ רבי שלום זצ"ל** היה פעם בצאנז בשבת פרשת יתרו, ובעת קריאת התורה עמד סמוך להבימה, וקרא **הרה"ק מצאנז** וישלח משה את חותנו, ולא אמר וישלח (בפתח תחת השי"ן) רק וישלח (בשו"א תחת השי"ן). והעומדים סביבו תיקנוהו ואמרו וישלח. הרהר קצת **הרה"ק מצאנז** ואמר עוד הפעם וישלח, וכן היה ג' פעמים, וסיים להעולה שיברך, ואמר, זיי ווערן מיך לערנען ווי אזוי צו זאגן?! ומי יבא בסוד קדושים.

**והוסיף רבינו:** איך האב געהערט פון **מיין טאטע ז"ל**, אז ער האט געהערט פונעם **קלויזענבורגער רב זצ"ל**, אז דער **צאנזער רב** האט אמאל ביי די מגילה, אנשטאט אנהייבן ויהי בימי אחשורוש, האט ער געזאגט ויהי בימי אמרפל. און מען האט אים אויסגעבעסערט, ויהי בימי אחשורוש. האט ער געוויזען, נא, מען זאל אריינקוקן אינווייניג, ווערט מען זעהן אז עס שטייט ויהי בימי אמרפל.

*

סיפר **הגה"צ מצעישנוב זצ"ל** שסמוך לעיר צאנז היה עובד נכרי במחנה של החיילים, והיה צייר (מאלער), ובהיותו רגיל לעבור דרך ביתו של **הרה"ק מצאנז זצ"ל** צייר צורתו הק' על נייר, עד שסיימו בשלימות. ואחר הסתלקות **הרה"ק מצאנז** מכר את הציור לבית מסחר בעיר וויען, שיצלמו אלפי עותקים וימכרו את התמונות. בלילה ראה הנכרי את **הרה"ק מצאנז** בחלום, והכה אותו מכות רצה שיעביר את הציור מן העולם, ובלילה

שאחריו התראה אליו עוד הפעם בחלום, עד שהחליט לכלות את הציור.

**והוסיף רבינו:** אמאליגע צדיקים האבן שטארק מקפיד געווען אז עס זאל נישט זיין קיין בילדער פון זיי. עס שטייט אין **יערות דבש** (ח"א דרוש ב'), אז עס איז דא א קליפה וואס ליגט אויפן בילד. ואמר בצחות: אמאל זענען געווען הייליגע יודען, און די צורה איז געווען הייליג, האט מען נישט געוואלט אז עס זאל זיין א קליפה אויפן בילד, אבער היינט איז די קליפה אויפן ... איז שוין נישט קיין חילוק צו עס איז אויפן בילד, צו נישט...

*

סיפר **הגה"צ מצעישנוב זצ"ל שהרה"ק מצאנז זצ"ל** החזיק מאד מאמו ע"ה, ולפעמים לא אמר קדיש לעילוי נשמתה בהילולא שלה, באמרו, זי דארף נישט מיין טובה.

**והעיר רבינו:** עס איז א פלא די מעשה, אויב עס איז אמת, ווייל קדיש איז נישט נאר א טובה פאר די נשמה, נאר קדיש איז א עליה צו גיין פון איין עולם צום אנדערן, אז אפילו א מענטש איז אויף א הויכע מדריגה, איז נאך אלץ דא א ענין צו זאגן קדיש. דער **בעלזער רב** פלעגט אפילו וואונטשען אויף משה רבינו, לחיים, די נשמה זאל האבן א עליה. און מען האט אים געפרעגט, משה רבינו דארף האבן א עליה?! האט ער געזאגט, אז די מדריגות אויבן זענען גאר הויך, און אלץ איז דא צו גיין העכער און העכער. צדיקים אין להם מנוחה לא בעולם הזה ולא בעולם הבא (ברכות סד.), בעולם הבא האבן זיי אויך נישט קיין מנוחה. עס איז אלץ שייך צו גיין צו א העכערע מדריגה פון וואס מען האט געהאט.

**והסביר רבינו:** איך מיין אז עס שטייט אין **שו"ת בית היוצר** (או"ח סימן מ"ה), אז עס שטייט אין **שלחן ערוך** (יו"ד שעו-ד) אז נאך די הונדערט און צוואנציג וועך מען זאגט קדיש נאך די עלטערן, זאל מען נאר זאגן עלף חדשים, און נישט צוועלף חדשים. ווייל משפט רשעים בגיהנם איז י"ב חודש (עדיות ב-י), זאל מען נישט אפ'פסק'ענען אז זיין טאטע אדער זיין מאמע זענען געווען רשעים, זאגט מען נאר קדיש עלף חדשים. שרייבט ער דארט, עס איז א שיינער טעם, אז מען זאל נישט אפ'פסק'ענען אז די עלטערן זענען געווען רשעים, אבער ער ווייסט גאנץ גוט, אז זיין טאטע און מאמע קענען נוצן א קדיש גאנצע צוועלף חדשים, פארוואס נעמט מען צו א קדיש פון א גאנצע חודש פון די עלטערן, כדי עס זאל נישט אויסקוקן ווי ער מאכט זיי פאר רשעים.

**שרייבט** ער דארט, אז אין הימל פירט מען זיך אזוי ווי מען פירט זיך דא. אזוי ווי מען פסק'נט אין בית דין של מטה, אזוי פסק'נט מען אין בית דין של מעלה. ווען מען איז דן א יוד לכף זכות אויף די וועלט, טוט מען אים אויך דן זיין לכף זכות אויף יענער וועלט. אז איינער זאגט נישט קדיש נאך די עלטערן ווייל ער איז זיי דן אז זיי זענען נישט קיין רשעים, און זיי דארפן נישט האבן קיין קדיש צוועלף חדשים, איז מען אויבן אין הימל אויך דן אזוי, אז דער יוד דארף נישט האבן גיהנם צוועלף חדשים. איז דער נישט זאגן קדיש אסאך מאל אזא עליה אזוי ווי דער יא זאגן קדיש. איז וועגן דעם זאגט מען נאר קדיש עלף חדשים, און נאכדעם כדי מען זאל נישט אפ'פסק'ענען אז ער איז א רשע, זאגט מען נישט קיין קדיש, ווייל אויב מיר פסק'נען נישט אפ אז ער איז א רשע, פסק'נט מען אין הימל אויך נישט אפ, אז ער איז א רשע.

**זעהט** אויס אז דער **צאנזער רב** האט איר געוואלט א טובה טון, האט ער געזאגט, אז זי דארף נישט מיין טובה, איז א סימן אז זי איז שוין אויף אזא מדריגה, אז מען האט געפסק'נט דא אז זי דארף נישט מיין טובה, דארף זי טאקע נישט די טובה אויבן אין הימל.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**